NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13121

DERTSEYLUNGEN

David Pinski

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

162744

שול־ביבליאָטעק
סעריע ביזאָקטיאָבערישע ליטעראַטור

דאָוויד פינסקי

דערציילונגענ

פאַרלאַג „עמעס“, מאָסקווע 1933

שול־ביבליאָטעק
סעריע ביזאָקטיאַבעריסטע ליטעראַטור

a 3449

דאָוויד פינסקי

דערציילונגענ

ספּעציעל באַאַרבעט פאַר דער שול און מיט
אַנ אַרײַנפיר־אַרטיקל פונ ש. קליטעניק

פאַרלאַג „עמעס“, מאָסקווע 1933

אינהאַלט:

	זייט
ש. קליטעניק — וועגנ דאָוויד פינסקיס אַרבעטער־דערציילונגענ	3
„ „ דאָוויד פינסקי (קורצע ביאָגראַפיע)	24
1. גוט־יאָנטעוו־בעטנ	27
2. אויסגעפירט	31
3. דאָכ אַמאָל געוויינט	42
4. כאַיִמ מעשאָרעס	48
5. ערעוו יאָנקיפּער	66
6. דער גרויסער מענטשנפרײַנט	76
7. לידער אינ פּראָזע	85
8. אייזיק שעכטל (פיר בילדער)	88
פאַרגעבונגענ צו די דערציילונגענ	111
באַמערקונגענ	113

Редактор Н. Нусинов Техн. ред. И. Тененбаум.
Сдано в производство 15/IV — 33, подписано к печати 7/VI — 33. Формат бумаги 82×100 1/32, 7 печ. л. 72000 п. зн. в л. „Эмес" 221. Тираж 5000. Уп. главлита В—51472

Тип. изд-ва «Дер Эмес», Москва, Покровка, 9. Зак. № 320.

ש. קליטעניק

וועגן דאָוויד פּינסקיס אַרבעטער־דערציילונגען

I

דאָוויד פּינסקי האָט אָנגעהויבן זײַן ליטעראַרישע טעטיקייט אין די 90־ער יאָרן (1891) פונעם פאָריקן יאָרהונדערט.

די 90־ער יאָרן זײַנען דער אָנהייב און דער אויפבלי פון דאָוויד פּינסקיס קינסטלערישן שאַפן. דאָס איז אַ הערלעכע צײַט פאַר פּינסקין. ער האָט דאַן אַרײַנגעשריבן שיינע בלעטלעך אין דער געשיכטע פון דער ייִדישער ליטעראַטור. דאַן, אין די 90־ער יאָרן, איז דאָוויד פּינסקי צוזאַמען מיט י. ל. פּרעצן געווען איינער פון די ערשטע, וואָס האָבן אַרײַנגעפירט אין דער ייִדישער ליטעראַטור פון רוסלאַנד דעם אַרבעטער און האָרעפּאַשניק.

און דאָס שילדערן דעם אַרבעטער און האָרעפּאַשניק איז נישט בלויז געווען אַ נײַס אינעם זין פון דער טעמע, אינעם זין פון געשטאַלטן פאַר דער ייִדישער ליטעראַטור אין רוסלאַנד, נאָר עס האָט אויך בעפּיירעש באַטײַט אַ נײַס אין זין פון אינהאַלט, אידייִשן אינהאַלט אין דער ייִדישער ליטעראַטור פון רוסלאַנד.

זיי, דאָוויד פּינסקין און י. ל. פּרעצן, דוכט זיך דאַן, אַז דאָס וויכטיקסטע, צו וואָס דאָס אויג און אויער פון קינסטלער דאַרפן געווענדט ווערן, איז דער שוידער פון עקספּלואַטאַציע. די נויט און ליידן פון אַרבעט־מענטש, דאָס גרויסע סאָציאַלע אומרעכט, וואָס הערשט אין דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט.

י. ל. פּרעץ צעזינגט זיך דאַן וועגן די ליידן און מאַטערנישן פון דעם אַרבעטער־מיידל — „די נייטערן". עס איז זעלטן ווען

א געדיכט זאָל לאָזנ אזעלכע גרויסע שפּורנ אונ ווירקנ אזוי שטארק אינ די שפּעטערדיקע יאָרנ, א געדיכט זאָל אזוי שארפ אונ בוילעט שילדערנ א געשטאלט פונ אנ ארבעטער־מײדל, וואָס זאָל אזוי שטארק אויסדריקנ אונ פארקערפּערנ די סאָציאלע לײַדנ אונ ווײטעקנ, דעמ עלנט פונ אזא ברײטנ שיכט ארבעטער־מײדלעכ אינ יענער צײַט. י. ל. פּערעצ האָט אָנגעמאָלט א הויכ קינסטלעריש בילד פונ דעמ לײַדנדיקנ (אונ ניט־קעמפנדיקנ) ארבעטער־מײדל. י. ל. פּערעצנ איז מאקסימאל נאָענט געווענ די דאָזיקע נײטערנ מיט אירע שווערע לײַדנ אונ י. ל. פּערעצ האָט אזוי ווי געמאכט אירע איבערלעבונגענ אונ ווײטעקנ פאר זײַנע אײגענע איבערלעבונגענ אונ ווײטעקנ.

דאָס שילדערנ דאָס ארבעט־לעבנ פארנעמט בא פּינסקינ אסאך א מער באדײַטנדיקנ פּלאצ. ריכטיקער, דער ערשטער צענדליק יאָר פונ פּינסקיס שאפונג — די 90־קער יאָרנ פונעמ פאָריקנ יאָרהונדערט — גײענ קימאט אינגאנצנ אונטערנ צײכנ פונ שילדערנ דעמ ארבעטער, דעמ האָרעפּאשניק. דאָוויד פּינסקי געפינט זיכ אינ יענער צײַט אונטער דער ווירקונג פונ דער וואקסנדיקער רעוואָלוציאָנערער באוועגונג, ער איז פארכאפּט פונ די סאָציאליסטישע אידייענ.

דאָוויד פּינסקיס ערשטע דערצײלונג, מיט וועלכער ער דעביוטירט אינ ליטערארישנ זאמלבוכ „הויזפרײַנד" אינ 1894 יאָר (די דערצײלונג איז אָנגעשריבנ סאָפ 1891 יאָר), דער „גרויסער מענטשנפרײַנט" איז א שארפע אונ גאליקע סאטירע אפ א גוויר אונ אפנ ריבוינעשעלוילעמ. עס ווערט געשילדערט, וויאזוי דער גרויסער „מענטשנפרײַנט" — דער גוויר פארוואנדלט די „מענטשנפרײַנטשאפט", די קלוימערשטע זאָרגנ פארנ קלאל, פאר די נויטבאדערפטיקע אינ א קוואל פונ רעוועכ. די „מענטשנפרײַנטשאפט" איז פאר דעמ גוויר א גוט געשעפט, וואָס גיט גאנצ גרויסע פּראָצענטנ רעוועכ.

דאָוויד פּינסקי האָט דאנ אופגעכאפּט דעמ זינ פונ דער בורזשואזער גווירישער „מענטשנפרײַנטשאפט". עס ווערנ קלאָר די בײדע פונקציעס פונ דער בורזשואזער פילאנטראָפּיע. די פונקציע פונ פארשטארקנ דעמ אווטאָריטעט פונ די עקספּלואטאטערס צווישנ די עקספּלואטירטע דורכ אראָפּווארפנ ברעקלעכ פונעמ רײַכנ טיש אונ פונ פארוואנדלענ די פילאנטראָפּישע געזעלשאפטנ גופע

אין אונטערנעמונגען און געשעפטנ מיט גרויסע פּראָצענטנ דעוועס.
פּינסקיס קינסטלערישע אויג און אויער, זײַנ האַרצ און מויעכ זײַנען דאַנ צוגעשמידט צו דער שוידערלעכער אָרעמקײַט, צו דער סאָציאַלער נויט און פּײַנ פונ די ארבעטנדיקע. זײַנ דערציילונג „דאָכ אמאָל געוויינט“ (אָנגעשריבנ אינ 1894 יאָר) איז איינע פונ די כאַראַקטעריסטישע אינ דעם דאָזיקנ זינ. דערמאָנט זיכ אָקאָרשט דאָס בילד פונ בערך דעם טרעגערס וווינונג: דעם נאַכנ קעלער מיט די צוויי קליינע פענצטערלעכ אונטערנ בריק, די מעבלירונג אינ בערך דעם טרעגערס וווינונג. דעם טיש מיט די צוויי אייגענע פיס און צוויי געליִענע — „צוויי שײַטלעכ האָלצ, וועלכע פארשווינדנ גאַנצ אָפּט, ווענ עס איז ניטאָ מיט וואָס צו הייצנ“ — און דאָס טרעפט זיכ דאָכ אַזוי אָפּט בא בערך דעם טרעגער; דערמאָנט זיכ די בעטנ, וואָס האַלטנ זיכ באַם צעשייטנ און וואָס בערך האַלט זיי שוינ אויכ פאַר קאַנדידאַטנ פאַרנ אויוונ, מיט די שמאַטעס, וואָס בערך רופט „קישנ און קאָלדרעס“. די אַלע בילדער שנײַדנ זיכ שאַרפ איינ אינ זיקאָרנ. זיי שרײַענ וועגנ גרויל פונ ארבעטער־לעבנ.

און אינ אַלע אַנדערע דערציילונגענ פונ יענער צײַט שילדערט פּינסקי אומבעראַכמאָנעסדיק דעם שוידער פונ ארבעטער־לעבנ. שוינ דאָס אַליינ איז געווענ פּראָגרעסיוו, ווײַל די אַלע אָנגעמאָלטע בילדער האָבנ געשריִענ קעגנ דער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג, וואָס פאַרורטיילט די בערלס אפ אַזאַ טרויעריק לעבנ, עס האָט געשטויסנ צו מאַכנ רעוואָליוציאָנערע אויספירנ.

ווײַטער גייענ בא פּינסקינ דערצײַלונגענ דירעקט אפ דער טעמע עקספּלואַטאַציע, גײַסטיקע פאַרקנעכטונג פונעם פּראָלעטאַריער. אינ דעם זינ זײַנען זייער כאַראַקטעריסטיש די דערציילונגענ „גוט־יאָנטעוו־בעטנ“, „אויסגעפּירט“, „כאַיִמ מעשאָרעס“, „יִרעוו יאָנקיפּער“.

טאָדרעס דער מעבל־הענדלער (אינ „גוט־יאָנטעוו־בעטנ“) האַלט, אַז ער איז ניט נאָר באַלעבאָס אפנ ארבעטערס מוסקולנ, אפנ ארבעטערס קערפּער, נאָר ער איז אויכ פולער באַלעבאָס אפנ ארבעטערס „נעשאָמע“. אים, דעם באַלעבאָס געהערט אויכ דער טאַלאַנט פונעם ארבעט־מענטש. יאַנקל דער „מענטש“ (דער ארבעטער) איז געצוווּנגענ פרייליכ צו מאַכנ אינ די יאָנטויוויִמ טאָדרעסנ און זײַנ געזינד. און ווענ עס טרעפט, אַז יאַנקל דער „מענטש“ צעהוסט זיכ אינמיטנ זינגענ, ווערט דער באַלעבאָס ביז גאָר אופגעבראַכט „— א,

א פּליאגע!...,— איצט איז שוין פאַרפאַלן, ער וועט זיך שוין ניט אָפּהוסטן" —.

„— איי ביסטו אַ מענטש!— זאָגט דער באַלעבאָס צו יאַנקלען.— מע בעט דיך עפּעס זינגען, פאַרהוסטו זיך".

אַזוי בכלל קען טאָדרעס גאָרניט האָבן קעגן דעם, וואָס זיין „מענטש" הוסט, נאָר דאַן, ווען זיין „מענטש" איז אים מעכויעוו פריילעך מאַכן, זאָל ער זיך צעהוסטן — דאָס איז אין זיינע אויגן בעפּיידעש אַ גרויסער פאַרברעכן.

די זעלבע פּראָבלעם פון גייסטיקער פאַרקנעכטיקונג שטעלט פּינסקי אין דער צווייטער דערציילונג „אויסגעפּירט". דער פּראָלע־טאַריער מוישע איז באַגאַבט. ער פאַרמאָגט אַקטיאָרישע פייִקייטן, אָבער דאָס דאַרף ער אָפּגעבן צוזאַמען מיט זיינע מוסקולן, צוזאַמען מיט זיין פיזישער ענערגיע דעם באַלעבאָס. פאַר זיינע אַרבעטער־כאַוויירים, פאַר זיין פאַמיליע, פאַר זיך האָט ער קיין רעכט ניט אויסנוצן דעם אייגענעם טאַלאַנט. כוצפּעדיק, אַכזאָריעסדיק מעלדעט דאָס רעכט אַפ דעם דאָזיקן מוישעס טאַלאַנט דער באַלעבאָס. מוישע מוז צו אים קומען אין יאָנטעוו־אָוונט, ער מוז פאַרלאָזן זיינע אַרבעטער־כאַווירים, זיין פאַמיליע.

די אַרבעטער, וואָס ווערן אַרויסגעפּירט אין דער דערציילונג „אויסגעפּירט", הייבן שוין אָן פילן האַס, אַ פּראָטעסט קעגן די באַלעבאַטים. אין צווייטן טייל „גוט־יאָנטעוו־בעטן" — „באַם מענטש" ליידער האָבן מיר ניט קיין מעגלעכקייט צו ברענגען אין אונדזער (אויסגאַבע די דערציילונג, זי איז געדרוקט אין די „יאָנטעוו־בלעטלעך"), ווו עס ווערט געשילדערט, ווי דער באַלעבאָס קומט יאָנטעוו צו גאַסט צום „מענטש", קומט נאָך שאַרפער צום אויס־דריק די סינע פון די אַרבעטער צום באַלעבאָס. די סינע צום באַלעבאָס איז מאַמעש געוואָרן אַן אינסטינקט בא די אַלע „מענטשן". דוואָשע, שאָלעם דעם מעשאָרעס פרוי „קילט זיך אָפּ דאָס האַרץ מיט אַ קלאָלע" דעם „טרעמבוויכ", דעם באַלעבאָס. אַ באַזונדערע אָנגעצויגנקייט פילט זיך אין די אַלע יאָנטעוודיקע געשפּרעכן צווישן דעם באַלעבאָס און „זיינע מענטשן". עס פילט זיך שוין גאַנץ קלאָר, אַז די פּאַטריאַרכאַלע פעדים, וואָס פאַרבינדן נאָך די אַרבעטער מיט די באַלעבאַטים — די אַרבעטער גייען יאָנטעוו צום באַלעבאָס, דער באַלעבאָס קומט צוגאַסט צו די אַרבעטער, — האַלטן

זיכ באמ צערייַסנ. דער האס צומ באלעבאָס, צומ עקספּלואטאטער צעפּליקט זיי.

בא די ארבעטער הייבט שוינ אָנ וואקסנ א גרויסע סינע קעגנ דער עקספּלואטאציע, קעגנ דער גייסטיקער פארקנעכטונג. עמעס, קיינ פּראָלעטארישנ באוווּסטזיינ האָבנ נאָכ ניט פּינסקיס ארבעטער. זייער סינע צומ באלעבאָס איז נאָכ סאָציאַל ניט קיינ באזיניקטע. די פּראָלעטאריער פונעמ דאָזיקנ מינ דערציילונגענ זיינענ נאָכ דער־ווייַל בלויז „א קלאס קעגנ אנדערע קלאסנ“. קיינ „קלאס פאר זיכ“ זיינענ זיי נאָכ ניט. די שטרעבונג ארויפצוווארפנ דעמ יאָכ פונ עקס־פּלואטאציע איז נאָכ בא די ארבעטער ניט קיינ סאָציאַלע אינ ברייטנ זינ פונ וואָרט. מוישע אונ זיינ פּרוי („אויסגעפּירט“) טרוי־מענ נאָכ וועגנ דעמ, וויאַזוי ווערט מענ אויס „מענטש“, ד. ה. אויס פּראָלעטאריער, קעדיי אפ א ז א אויפנ זיכ באפרייענ פונ די מאטערנישנ אונ פּלאָגענישנ, וואָס זיינענ פארבונדנ מיטנ זיינ א פּראָלעטאריער. כאיִמ מעשאָרעס טיפּסטער פארלאנג איז, אז זיינע קינדער זאָלנ שוינ קיינ מעשאָרסימ ניט זיינ, אונ דאָס הייסט בא כאיִמענ, אז זיי זאָלנ שוינ קיינ ארבעטער ניט זיינ. „מיינע סאָנימ... זאָלנ זיינ מעשאָרסימ... קאטאָרגע איז דאָס... ערגער פאר קאטאָר־גע“... כאיִמ מעשאָרעס טרוימט וועגנ דעמ, אז זיינע קינדער זאָלנ זיכ ארופּדראפּענ אפ „העכערע“ שטאפּלענ פונעמ סאָציאלנ לייטער. אונ דער פּראָלעטאריער דראבקינ (פונ דער דערציילונג „דראבקינ“), דער שטרייַקער, דער פּראָטעסטאנט הייבט זיכ טאקע אופ אפ א „העכערנ“ שטאפּל. ער פּעקלט זיכ אריבער צומ קלאס אונטערנעמער.

אזוי, אז פּינסקיס פּראָלעטאריער ליידנ נאָכ אפ פיל פאָרורטיילנ פונ די פרעמדע קלאסנ. זיי הייבנ שוינ אָנ צאָרענענ, פּראָטעסטירנ. אָבער זייער צאָרנ אונ פּראָטעסט זיינענ געזעלשאפטלעכ ניט באזי־ניקט. זיי טראכטנ ניט וועגנ ענדערנ די לאגע פונ די פּראָלעטאריער (דער פּראָלעטאריער קאָנ גאָר זיינ אינ דער מאדרייגע פונ א מעשאָרעס, א „מענטש“ — זיינענ טיפ איבערצייגט דער ארבעטער מוישע, — אינ „אויסגעפּירט“, כאיִמ מעשאָרעס — אינ דער דערציילונג „כאיִמ מעשאָרעס“). זיי האָבנ נאָכ ניט קיינ שומ פאָרשטעלונג וועגנ ענדערנ די גאנצע געזעלשאפטלעכע אָרדענונג, נאָר זיי טראכטנ אָפּטער, וויאַזוי ארויסצוכאפּנ זיכ פונ דער ארבעטער־סווי־וועִ אונ אפ אזא אויפנ באפרייענ זיכ פונ צו זיינ א „מענטש“, א

מעשׂאָרעס. טיפֿן פֿון אביסל מער רײַטערע ארבעטער זײַנען ארויס־געפֿירט אין דער דערציילונג „ערעוו יאָנקיפּער". די קלאַסן־ווי־דערשפּרוכן זיינען דאָרט מער פֿאַרשאַרפֿט. אָבער דער פּראָטעסט איז נאָך אויך געגנוג פּרימיטיוו, ער דריקט זיך אויס אין געצלס פֿאַר־שײַטקײַט, אין געצלס כּויזעק מאַכן פֿונעם באַלעבאָס. ווײַטער גייט עס ניט. די עלטערע ארבעטער פֿילן די בלוטיקע אוולע, וואָס רעב עליע דער טוך־פֿאַבריקאַנט באַגייט קעגן זיי אפֿילע דאַן, ווען ער „גרייט זיך ערלעך פֿאַנאַנדערצאָלן זיך מיט זײַנע ארבעטער לעקאָוועד־יאָנקיפּער". אָבער מער ווי אַ קרעכץ האָבן זיי ניט קעגן רעב עליען. („די ציג").

אָבער גופֿע דער פּראָטעסט, דער צאָרן, די טײַנע פֿאַר דער פֿיזישער און גײַסטיקער עקספּלואַטאַציע זײַנען געווען דאַן פּראָ־גרעסיוו, עס האָט באַטײַט, און די פּראָלעטאַריער יאַנקל, מוישע, געצל, כאַיִם מעשׂאָרעס הייבן אָן פֿאַרוואַנדלט ווערן פֿון „אַ קלאַס קעגן אַנדערע קלאַסן" אין „אַ קלאַס פֿאַר זיך". זיי וועלן זיך גאַנץ שנעל איבערצייגן, אַז ארויסכאַפּן זיך פֿון דער ארבעטער־סוויווע, ארויפֿדראַפּען זיך אַף „העכערע" שטאַפּלען פֿונעם סאָציאַלן לייטער, גיין אַף דראַבקינס וועג — איז אומעגלעך פֿאַר דער גרעס־טער מאַסע פּראָלעטאַריער. נאָר איינצלנע געלינגט עס. און ווען זיי וועלן עס פֿאַרשטיין, וועלן זיי ווענדן זייער צאָרן, פּראָטעסט, די גרויסע טײַנע פֿאַר דער פֿיזישער און גײַסטיקער עקספּלואַטאַציע אין דער ריכטונג פֿון ענדערן די לאַגע פֿון די פּראָלעטאַריער אַלס קלאַס, אין דער ריכטונג פֿון ענדערן דעם גאַנצן געזעלשאַפֿטלעכן סיידער, וואָס איז געבויט אַף פֿיזישער און גײַסטיקער עקספּלואַטאַ־ציע פֿון די ארבעטנדיקע. צו דעם האָט פּינסקי ניט געפֿירט זײַנע פּערסאָנאַזשן.

ערגער איז אָבער נאָך דאָס, וואָס דער פּראָטעסט, די טינע קעגן דער עקספּלואַטאַציע, איז דערוויַיל נאָך שטאַרקער באַם ארבעטערס פֿרוי, באַם ארבעטערס קינד, ווי באַ דעם ארבעטער אַליין. מוישעס פֿרוי הייבט דאָך אויף דעם שטורעם קעגן באַלעבאָס, וואָס עקספּראָ־פּריירט פֿאַר זיך מוישעס טאַלאַנט. מוישע איז גיכער גענייגט אויס־צופֿילן אַלע פֿאַרלאַנגען און קאַפּריזן פֿונעם באַלעבאָס. נאָך מער איז עס צו זען אין דער דערציילונג „כאַיִם מעשׂאָרעס". דער באַלעבאָס גרינפֿעלד איזדיעקעוועט זיך איבערן מעשׂאָרעס. ער צווינגט אים

זיינ אינ קלייט דאנ, ווענ די פֿאמילע־אינטערעסנ פונעמ מעשאָרעס פאָדערנ אומבאדינגט, אז ער זאָל אפּ א צײַט אהיימ גיינ. אלײנ כּאיִמ האָט נאָכ ניט קיינ מוט צו מעלדנ הויכ אונ שטארק וועגנ זיינע רעכט, די רעכט פונ אנ ארבעט־מענטש, ער שטאמלט בלויז „באלעבאָס... הער גרינפעלד .. מיינ טאָכטער... הער... גרינפעלד... מיינ טאָכטער... מיינ ווײַב...” ערשט מיט זיינ מיידעלע, מיט ריווקעלענ, פילט ער זיכ שטארקער קעגנ גרינפעלדנ. זי, דאָס מיידעלע, האָט ניט די אלע פאָרורטיילנ פונ קנעכטשאפט, פונ האכנאָעדיקייט, וואָס די באלעבאטימ האָבנ אינ מעשעכ פונ דורעס אײַנגעבילדעט בא די כּאיִמס. זי צאָרנט, זי פּאוקריצט די ציינ, זי פּראָטעסטירט. אונ כּאיִמ מעשאָרעס דערשרעקט זיכ אפילע פאר דער האָזע פונ זיינ טאָכטער — „זי רעדט שוינ צו האָזעדיק, — האָט ער געטראכט, אונ עס האָט טוינ אימ פארדראָסנ, וואָס ער האָט זי, די האָזעניצע, געשיקט”, — איז עס ווידער א מאדרייגע פונ קנעכטשאפט, פונ גע־פאלנקייט באמ מעשאָרעס.

אינ ריווקעלעס ברוסט גרינט שוינ פונ קינדווײַז אופּ די קלאסנ־סינע. אונ צוזאמענ מיט דער קלאסנ־סינע גייט אופּ בא איר דער קלאסנ־שטאָלצ. אנדערש קלינגט שוינ בא איר „פאר קיינ געלט וואָלט איכ קײַנ מעשאָרעס ניט געוועג”. א שרײַבער מיט א רײַ־פערנ קלאסנ־באוווסטזײַנ וואָלט ריווקעלענ ווײַטער געפירט אונ געמאכט זי פאר א באוווסטזיניקע קעמפערנ.

* * *

לענינ האָט אונדז געלערנט, אז די ארבעטער לײַדנ ניט בלויז פונ קאפּיטאליזמ, נאָר לײַדנ נאָכ מער פונ ווייניק אנטוויקלטנ קאפּיטאליזמ. לייענט מענ זיכ אײַנ אינ פּינסקיס ארבעטער־דערציי־לונגענ, קוקט מענ זיכ אײַנ אינ פּינסקיס געשילדערטער סוויווע, איז צו זענ, אז די דאָזיקע גרויסע פיזישע אונ גײַסטיקע עקספּלוא־טאציע, דער גרויסער עלנט אונ די שוידערלעכע אָרעמקײַט בא די ארבעטנדיקע שטאמט טאקע אויכ דערפונ, וואָס די אלע ארבעטער אונ האָרעפּאשניקעס לעבנ אינ א ווייניק אנטוויקלטער קאפּיטאליס־טישער סוויווע. דער שוידער אונ גרויל פונ קאפּיטאליזמ ווערט נאָכ, אזוי געזאָגט, געקויפּלט דערמיט, וואָס דער קאפּיטאליזמ איז נאָכ אנ אָפּגעשטאנענער, א ווייניק אנטוויקלטער:

די אַלע דערציילונגען פּינסקיס באַציִען זיך דאָך צו די 90־קער יאָרן און נאָך פריער פון פאַבריקן יאָרהונדערט. און די האַנדלונג קומט פאָר אין די אָפּגעשטאַנענסטע טיילן פון דער געוועזענער רוסישער אימפּעריע.

אין די קליינע וואַרשטאַטלעך, אין די קוסטאַרישע, אין טאָך גענומען, אונטערנעמונגען, נעמט אָן די עקספּלואַטאַציע די סאַמע העסלעכסטע פאָרמען. די רימענס פון עקספּלואַטאַציע שנײַדן זיך אײַן נאָך שאַרפער און ווייטעקדיקער אין די לײַבער פון די אַרבעטער, די פּערזענלעכקײַט פונעם פּראָלעטאַריער ווערט נאָך מער צעטראָטן און צעקוועטשט.

אָט פאַרצייכנט דער סאָוועטישער שרײַבער ריוועס אַזעלכע כאַ־ראַקטעריסטישע פּראָטים פון יאַדוויגעס קינדער־יאָרן (יאַדוויגע, א פּערסאָנאַזש פון ריוועסעס בוך „אונטערערד". מאָסקווע, 1929 יאָר): „ווי פון זיך אַליין האָט פון אַלע אירע טעג, פון איר ביסל יאָרן אַראָפּגעצויגן זיך א צודעק און זי האָט ניט ווילנדיק געזען זיך אין פאַרשאַרטן הויף פון אָפּגעזונדערטן יעסומים־הויז, געזען זיך וואַלגערן אין קיך, גאָר אַזוי זיך געוואַלגערט, אַפילו קיין דינסט האָט דאָס ניט געהייסן. געזען זיך אין יענעם וואַרשטאַט, ווו זי האָט שוין דאָס גליק געהאַט זײַן ביידע זאַכן: א דינסט און א זאָקנמאַכערן.

יאָ, אויב איר מעסלעס האָט געהאַט פיר און צוואַנציק שאָ.

... האָט זאָס איר, יאַדוויגען, געקלעקט אַפּ פופצן שאָ דרייען א צוגעשרויפטע מאַשין צום טיש. דרייען אָן אויפהער אהין און אהער און הערן אזא צעשרויפטן, פאַרכליפּעטן אָפּקלאַנג פון אַלע זאָקנמאַשינען, און ערשט שפּעטער נאָך דער אַרבעט ברענגען אין אָרדענונג דעם גרויסן וואַרשטאַט און נאָכדעם, אײַנגאַנצן אַפּ א שאָ צוויי, העלפן אײַנלייגן באַלעבאַטישע קינדער שלאָפן" („אונטערערד" ז. 56).

אין דער גרויסער קאַפּיטאַליסטישער טעקסטיל־פאַבריק איז שוין די זאָקנמאַכערן לעכאָלאַפּאָכעס קיין דינסט ניט געווען. אין דער גרויסער קאַפּיטאַליסטישער אונטערנעמונג האָבן שוין די יאַנקלס און מוישעס ניט באַדאַרפט גיין פרײַלעך מאַכן זייערע באַלעבאַטים און ניט געצוווּנגען געווען אויפצונעמען די באַלעבאַטים בא זיך אינדער־היים אין יאָנטויווים־טעג. אין די גרויסע קאַפּיטאַליסטישע אונטער־

געמונגענע האָבן שוין די אַרבעטער הילביקער געמאָלדן וועגן זייערע דעכט אַלס אַרבעט־מענטשן, דער אָרגאַניזירטער ווידערשטאַנד פון די אַרבעטער קעגן די אונטערנעמער איז דאָרט פאַרהעלטניסמעסיק געווען אַ שטאַרקערער און איינגעשפּאַרטערער.

לפּנינס לערע אין דער דאָזיקער פראַגע העלפט אונדז אַזוי־אַרום פאַנאַנדערצוקלייבן זיך און פאַרשטיין פּינסקיס געשילדערטע סוויווע.

* * *

פון דעם ערשטן פּעריאָד פון פּינסקיס שאַפונג לוינט זיך נאָך באַזונדער אָפּשטעלן אויף דער דראַמע „אײַזיק שעפטל", — אָנגעשריבן אין 1899, ערעוו פּינסקיס אָפּפאָרן אין די פאַראייניקטע שטאַטן, וואָס פאַלט צונויף מיט פּינסקיס אָפּקער פון דער אַרבעטער־באַוועגונג.

די דראַמע „אייזיק שעפטל" האָט צו טאָן מיט די מאַטערנישן און ליידן פון אַרבעטער־דערפינדער. אין דעם פּראָלעטאַריער אייזיק שעפטל איז פאַרבאָרגן אַ גרויסער דערפינדערישער טאַלאַנט. בײַ אַ טונקעלן פאַרויכערטן לאָמפּ זיצט דער אַרבעטער שעפטל גאַנצע נעכט און מײַסטרעוועט מאַשינעס פאַר דער אונטערנעמונג, וווּ ער אַרבעט. ער האָט שוין דערפונדן אַ פּרעס און אַ מאַשין אויף שלייפן לעכלעך, פאַר שפּאָט ביליק האָט זיי אָבער צוגענומען זיין באַלעבאָס גאָלדין און עקספּלואַטירט זיי. שעפטל זיצט איצט ווידער נעכט אויף אַ נײַער דערפינדונג, אָבער די אָרעמקייט, דער דאָלעס דריקן, קוועטשן און וועגן דעם דערמאָנט זייער הויך און שטאַרק זיין פרוי ביילע. זי פאָדערט, ער זאָל וואַרפן די מאַשינקעס און ניט פאַטערן קיין אַרבעט־טעג. דער באַלעבאָס גאָלדין ווידער דראָט, אַז ער וועט אים אָפּזאָגן פון דער אַרבעט; גאָלדין פאָדערט כּוץ־פּעדיק פון אייזיק שעפּטלען, ער זאָל באַנאַכט אַרבעטן אויף זיינע דערפינדונגען און בײַטאָג זאָל ער אַרבעטן אין וואַרשטאַט. אַלץ צווינגט אײַזיק שעפּטלען אָפּצוזאָגן זיך פון זיינע דערפינדערישע אידייען. און דאָ הייבן זיך אָן שעפּטלס ליידן, שעפּטלס מאַטערנישן. אַרום און אַרום כוויזעקט מען פון שעפּטלען און פון זיינע מאַשינקעס. און עס כוויזעקן פון שעפּטלען ניט בלויז דער באַלעבאָס גאָלדין מיט זיין זינדל, נאָר אויך אפילו די מערהייט אַרבעטער פון זיין וואַרשטאַט. זיי אַלע באַטראַכטן שעפּטלס דערפינדערישע אידייען פאַר מעשוגאַס. אויסטראַכטן מאַשינעס, דערפינדערישקייט, דאָס איז דאָך

אנ איניענ פאר דעמ באנקיר מאגידסאָנס זונ, „ער איז א אינזשעניער, האָט זיכ געלערנט אינ מאָסקווע״. אייזיק שעפטלס דערפינדערישע אידייענ, זיינע מאשינעס זיינענ נאָכ דערווייל א בייזווונדער פאר אלעמענ אינ ווארשטאט. אפילע די פראָלעטאריער, וועלכע עס רירנ אייזיק שעפטלס ליידנ, אפילע די לייוויקס האָבנ גרויסע טענעס צו אייזיקנ, אלעמיי ער דערשטיקט ניט אינ זיכ זיינ טאלאנט. אָט דערציילט לייוויק וועגנ זיינע בייגוגנען אונ ציענישנ צו מאָלעריי: „אינדערהיימ אונ אינ כיידער פלעגט מענ מיכ שלאָגנ מאקעס אכזאָריעס דערפאר, ווייל איכ האָב גאָרניט געטאָנ אונ נאָר געמאָלט, אז מע האָט מיכ אוועקגעגעבנ צו א שמוקלער, האָב איכ געוויינט... אונ איצט נאָכ, אז איכ זע אמאָל א גוט בילד, ווערט מיר אזוי אומעטיק. עס זיצט עפעס אינ מיר אונ ציט אונ ציט... ניינ, אונ אנ אנדערש מאָל, ווענ איכ זיצ אזוי אונ טראכט, וואָלט זיכ מיר געוואָלט אזוי מאָלנ״...

אונ דאָכ האָט ער דערשטיקט אינ זיכ דעמ טאלאנט אונ גרויסט זיכ אפילע דערמיט פאר שעפטלענ: „זעסט דאָכ, אונ פונדעסטוועגנ גאָרניט, ציט, ציט ביז עס הערט אופ. מע דארפ דאָכ זיינ א מענטש״.

אייזיק שעפטל ווארפט זיינ דערפינדעריי. אָבער ער קענ בעשומויפנ ניט שאָלעמ מאכנ מיט דער דאָזיקער לאגע. ער פרווט לעכאטכילע פארטרינקענ זיינ גרויסנ ווייטעק, אָבער עס העלפט ניט. טיפ פונ זיינ ברוסט רייסט זיכ א געשריי: „מיר איז שווער, מיר איז שווער״. אונ זיינ ווייטעק לאָזט פינסקי נאָכאמאָל אופשטורמענ אינ א סאָציאל ניט־באזיניקטער ריכטונג. אייזיק שעפטל צעברעכט דעמ פועס, די שלייפ־מאשינעס, וואָס ער אליינ האָט דערפונדנ, אייזיק שעפטל גיסט אויס זיינ האט צומ באלעבאָס דורכ א זעצ אינ שויב. אונ נאָכ דעמ דאָזיקנ צאָרנדיקנ אויסברוכ, וואָס איז גיכער א רעזולטאט פונ גרויסער פארצווייפלונג, ווי פונ פראָטעסט, פונ קלאסנבאוווסטזיניקנ פראָטעסט קעגנ דער געזעלשאפטלעכער סיסטעמ, וואָס דערדריקט אונ צעקוועטשט די שעפערישע פראָלעטארישע פערזענלעכקייט, — וועגנ דעמ טראכטנ נאָכ גיט פינסקיס פראָלעטאריער, — נאָכנ צאָרנדיקנ אויסברוכ געפינט אייזיק שעפטל אנ „אויסוועג״. ער בארויקט זיכ מיט דעמ ארשעניק, וואָס איז געווענ אָנגעגרייט פאר די מייז. אונ אזוי ענדיקט פינסקי דעמ ערשטנ טייל פונ זיינ טראגעדיע וועגנ ארבעטער־דערפינדער.

עס איז, דאכט זיכ, איבעריק צו קאָמענטירנ, אז אינ דער דאָזי־קער דראמע פּינסקיס — די געראָטנסטע אינ פארגלײַכ מיט אלע זײַ־נע שפּעטערדיקע רעאקציאָנערע נאציאָנאליסטישע דראמעס — שטעלט פּינסקי די פּראָבלעמ פונ ארבעטער־דערפינדערײַ אונ גיט אפּ איר אנ ענטפער, אז אינ די באדינגונגענ, ווענ דער פּראָלעטאריער איז א לוינ־שקלאפ, קאָנ זיכ זײַנ טאלאנט ניט צעבלײַענ. ער ווערט געוויינ־לעכ צעטראָטנ פונ די שווערע לעבנס־באדינגונגענ, אינ וועלכע ער געפינט זיכ — אונ פונדאנענ שטאמענ די מאטערנישנ אונ לײַדנ.

II

דאָוויד פּינסקי געפינט זיכ דאנ אינ לאגער פונ די ארבעטנדיקע. אימ ווייטיקט דאָס גרויסע סאָציאלע אומרעכט, די שוידערלעכע עקספּלואטאציע, וואָס הערשט אינ דער קאפּיטאליסטי־שער געזעלשאפט. ער שילדערט אומבעראכמאָנעסדיק רעאליסטיש דעמ גרויל פונ אָרעמקייט, דעמ פּײַנ אינ דער ארבעטער־סוויווע. אָבער דאָוויד פּינסקי איז באזונדער פילבאר צו די אָפּגעשטאנענע טיילנ פונ ארבעטער־קלאס, צו די רעזערוונ, אזוי געזאָגט. דאָוויד פּינסקי איז באזונדער פילבאר צו דעמ סאָציאל ניט־באזיניקטנ פּראָ־טעסט, צו דעמ צאָרנדיקנ אויסברוכ בא די ארבעטער. עס איז ניט קיינ פּאָשעטע אָפּשפּיגלונג, קיינ פּאָשעטע שילדערונג פונעמ צושטאנד פונעמ סאָציאלנ באוווסטזײַנ בא ברייטע שיכטנ ארבעטער אינ יענע יאָרנ (90־קער יאָרנ אונ נאָכ פריער). פּינסקי איז גענייגט צו פאר־נעמענ זיכ מיטנ סאָציאל ניט־באזיניקטנ פּראָטעסט, מיטנ קרעכצ אונ צאָרנ דערפאר, ווײַל אפילע דאנ איז ד. פּינסקינ פיל נעענטער געווענ אָט דער דאָזיקער מינ פּראָטעסט אונ צאָרנ, ווי יענער, וואָס איז גע־ווענ בא ווינטשעווסקינ אונ אפילע בא זונדעלעוויטשנ אונ ליבער־מאנענ. רעאל זײַנענ געווענ אינ די 90־קער יאָרנ ניט נאָר די שעפּ־סלס, די יאנקלס, די מוישעס, די כאימס, רעאל זײַנענ שוינ דאנ אויכ געווענ די רעוואָלוציאָנערע קעמפער קעגנ קאפּיטאליזמ, די פּראָ־לעטארישע רעוואָלוציאָנערנ. די 90־קער יאָרנ זײַנענ דאָכ יאָרנ, ווענ די לופט עטעמט שוינ מיט די „קאמפ־פארבאנדנ פונ פּראָלעטאריאט“. (צאָפנדיקער אונ דאָרעמדיקער), עס האלט דאָכ שוינ ערעוו דער אָר־גאניזירונג פונ דער אלרוסלענדישער סאָציאלדעמאָקראטישער פּארטיי.

אינ דער יידישער סוויווע ארבעטנ שוינ אויכ טיכטיק פארשיידענע גרופעס יידנ — סאציאליסטנ אונ סאציאלדעמאקראטישע גרופעס (אינ מינסק, ווילנע אונ אנדערע צענטערס פונ יידישע ארבעטנדיקע). עס האט שוינ לאנג אפגעקלונגענ ארנ ליבערמאנס פראקלאמאציע „צו דער אינטעליגענטער יידישער יוגנט" * (1884 יאר), ווינטשעווסקי האט שוינ לאנג אנגעשריבנ זיינ באוווסטע סאציאליסטישע בראשור „יעהי אויר" — „זאל ליכטיק ווערנ" (1884 יאר).

מיט איינ ווארט, דער פראטעסט, דער רעוואליוציאנערער קאמפ קעגנ דער קאפיטאליסטישער סיסטעמ איז שוינ אויכ א שטיק רעא-לע ווירקלעכקייט, אבער ניט צו די רעוואליוציאנערע קעמפער, ניט צו די באוווסטזיניקע פראלעטאריער איז געווענדט פינסקיס קינסטלע-רישע אופ-ערקזאמקייט. פונ די דאזיקע פראלעטאריער שטייט פינ-סקי אויכ דאנ אפ א גאנצ היפשער אידעאלאגישער דיסטאנצ. זיינ סאציאליזמ (פינסקיס) איז נאכ זייער אונ זייער ניט קיינ רייפער. ער שטייט נאכ אייגנטלעכ אפנ גרענעצ פונ אופ-קלערעריי אונ סאציאליזמ.

אינ 1893 יאר שרייבט פינסקי אָג אנ אופקלערערישע דערציילונג „שלוימע". דער אלטער, רייכער ייד רעב שלוימע באקענט זיכ אל-פי צופאל מיט נאטור-וויסנשאפט, געאגראפיע אונ אנדערע וויסנ-שאפטנ. זיינ פארצייטיקער בעסמעדרעש-באוווסטזיינ דערלאנגט זיכ א שאקל אונ ברעכט זיכ אינגאנצנ איינ. אונ דאנ, דאנ ווערט דער דאזיקער געשעפט-ייד א פראפאגאנדיסט פונ די נייע רעוואליוציא-נערע אידייענ, ער ווערט א וועלט-אויסבעסערער. — א טיפיש אופ-קלערערישע געשיכטע. שלוימע טראכט, אז מע דארפ בלויז אופקלערנ דעמ אוילעמ, מאכנ אימ געבילדעט אונ דאנ וועלנ מיטאמאל פאר-שווינדנ אלע סאציאלע אומגליקנ פונ דער וועלט. די לעצטע ווער-טער, וואס רייסנ זיכ ארויס פונ זיינ שטארבנדיקער ברוסט צו די אר-

---

* אינ דער פראקלאמאציע ווערט געזאגט: „מיר קומענ דיר, יידישע יוגנט אונ יידיש פאלק, אנזאגנ, אז בא אלע פעלקער פונ גאר דער וועלט צעפלאקערט זיכ דער קאמפ. די פראלעטאריע פונ אלע לענדער פאראייניקנ זיכ אראפצווארפנ דעמ יאכ פונ מלוכע אונ קאפיטאל. עס איז שוינ צייט, אז אויכ אונדזערע פראלעטאריער זאלנ אויכ צו-שטיינ צו דער גרויסער באוועגונג". די פראקלאמאציע ענדיקט זיכ מיט א רופ צו דער יוגנט, זי זאל זיכ שטעלנ אונטער דער רויטער פאנ פונ דער סאציאליסטישער רע-וואליוציע.

בעטער זײַנען: „קינדער...לעבּ טיַ...ערע... ארבעט... נאָר ערלעך.. און לערנט... זיך!... אלץ וועט... דעמלט... זײַן גוט... אלע גליק... ל...״ (פּינסקי, געקליבענע ווערק, קיעוו 1930 יאָר, ז. 191. קורסיוו — ש. ק.) דאָס וואָרט „גליקלעך״ ווערט שוין ניט ארויסגערעדט, ווײַל „א זיסער שמייכל האָט באדעקט זיינע ליפּן, און רעב שלוימע איז געשטאָרבן״ דאָרט ז. 191).

„עמעצן נוצן ברענגען — הייסט מאכן אין יענעמס לעבן א שינוי (ענדערונג — ש. ק.) צום גוטן״ און „דאָס קען מען דערגרייכן, מאכנדיק א מענטשן וויסנד, געלערנט״ — איז שלוימעס פילאָסאָפיע (דאָרטן, ז. 170). און פּינסקי איז דורכויס מאסקים מיט שלוימעס פילאָסאָפיע. ניט אומזיסט ווערט דאָך שלוימע ארויסגעפירט ווי א פּאָזיטיווע פי־גור. שלוימע דריקט באשטימט אויס דעם שרײַבערס אידייען אין דער דאָזיקער דערציילונג. אגעוו, איז די דאָזיקע דערציילונג. זייער כא־ראקטעריסטיש דערמיט, וואָס שלוימעס צוהערער זיינען בלויז ארבע־טער. (אנדערע שיכטן זיינען טויב צו שלוימעס אופקלערערישער פּראָ־פּאגאנדע).

דער אופקלערער טרעט נאָך בולטער ארויס אינעם פעליעטאָן „מא נישטאנע?״ (וואָס האָט זיך געענדערט?), וואָס פּינסקי דרוקט אָפּ אין דעם ערשטן „יאָנטעוו־בלעטל״ (1895 יאָר). אין דעם דאָזיקן קינסטלערישן פעליעטאָן באשטייט פּינסקי אפ דעם, אז דאָס גאנצע בייז, וואָס איז פאראן אין לעבן, נעמט זיך דערפון, וואָס דער מענטש איז פארשקלאפט בא דער געוווינשאפט, די גאנצע קנעכטשאפט, עק־ספּלואטאציע האלטן זיך אפ געוווינשאפט. און פּינסקי ברענגט „באַ־ווייזונ״. „די נעגערס אין אמעריקע שלאָגן זיך אויך קעגן די באַ־פרײַער, צוליב דער געוווינשאפט זיינ פארשקלאפט״, „אונדזער פויער בענקט אויך נאָך די אלטע צײַטן״ און אפילע „דעם ארעסטאנט קו־מען אמאָל די טרערן אין די אויגן ארײַן באם באפרײַען. אים איז שווער צו שיידן זיך מיט דער פינצטערער קאמער, ווו ער האָט אסאך און עפּשער די בעסטע פון זיינע יאָרן פארלאָרן״ („יאָנטעוו־בלעטלעך״ „לעקאָוועד פּייסעך״ ז. 5). און קעגן די דאָזיקע שלעכטע געוווינ־שאפטן איז פאראן איין גוטע רעפוּע — אופקלערונג. מע דארף אופ־קלערן דעם אמעריקאנער נעגער, דעם רוסישן פויער, דעם ארעס־טאנט, אז דאָס זיינען שלעכטע שקלאפישע געוווינשאפטן און אפ דער ערד וועט אופשײַנען די זון פון פרײַהײַט. די אופקלערער האָבן בע־שומפן ניט געקאָנט פארשטיין, אז קנעכטשאפט און עקספּלוא־

טאציע עקזיסטירן ניט איבער דעם, וואָס מענטשן זיינען אומוויסנד, וואָס מענטשן האָבן שלעכטע געוווינשאפטן, נאָר מענטשן זיינען אומוויסנד, מענטשן האָבן שלעכטע שקלאַפּישע געוווינשאפטן איבער דעם, וואָס ס'עקזיסטירן קנעכטשאפט און עקספּלואטאציע. און צוזאמען מיט דער פארניכטונג פון דער קנעכטשאפט און עקספּלואטאציע וועלן אויך פארשווינדן די אומוויסנהייט, די שקלאַפּישע געוווינשאפטן, — און דאַן וועט אופשיינען די זון פון פרייהייט.

דאָס נעמט, פארשטייט זיך, בעשום־אופן ניט אראָפּ די אופגאַ־בע צו פירן א גרויסע קולטור־ארבעט צווישן די עקספּלואטירטע מאסן, צו פירן א גרויסע אגיטאציע און פּראָפּאגאנדע אַפּ אויסלעבן די שקלאַפּישע געוווינשאפטן בא די אָפּגעשטאנענע טיילן פון די אונטערדריקטע מאסן. מע דארף אָבער געדענקען, אַז אומוויסנהייט, שלעכטע געוווינשאפטן זיינען א ר ע ז ו ל ט א ט פון דעם, וואָס אין דער געזעלשאפט עקזיסטירן קנעכטשאפט און עקספּלואטאציע. און אונדזער אגיטאציע און פּראָפּאגאנדע, אונדזער אופקלער־ארבעט שטעלט דעריבער שאַרף אויף אַקטועל די פראַגע וועגן איבערבויען די גאַנצע געזעל־שאפטלעכע סיסטעם, וואָס איז געבויט אַפּ קנעכטשאפט און עקספּלואטאציע.

פינסקי דיכטעט אויך אויס מאָטיוון פון ארבעט ביכלאַך. אין ראָ־מאַן „א סאָפּ“ (געדרוקט אין די „יאָנטעוו־בלעטלעך“ 1895 יאָר) ווערט באַשריבן, ווי גנענדל, די יינגסטע טאָכטער פון דעם קליינעם גאַ־לאַנטעריי־קרעמערל וואַרפט די עלטערן און ווערט אַן ארבעטערן, — פאַרדינט די ערשטע פערציק קאָפּיקעס און איז פאַרכאַפּט פון אַן אויסערגעוויינלעכער פרייד. און דער אווטער פונעם ראָמאַן „א סאָפּ“ טיילט צוזאַמען מיט דעם דאָזיקן יונגן מיידל דעם באַטאָס פאַר די ערשטע זעלבשטענדיק־פאַרדינטע פערציק קאָפּיקעס. די ערשטע פאַר־דינטע פערציק קאָפּיקעס זיינען א סימבאָל פון זעלבשטענדיקייט.

אים, פינסקין, אינטערעסירט זייער שאַרף די פראַגע פון זעלב־שטענדיקייט. די באַלעבאַטים בארויבן בא די ארבעטער זייער זעלב־שטענדיקייט. די ארבעטער ווערן פאַרוואַנדלט אין „מענטשן“, זיינען ניט קיין באַלעבאַטים איבער זיך, ניט איבער זייערע מוסקולן, ניט איבער זייער „נעשאָמע“. דער קאַמף דאַרף, לויט פינסקין, גיין פאַר מאַכן די ארבעטער זעלבשטענדיק; און דעם קאַמף פאַר דער זעלב־שטענדיקייט פון דער ארבעטער־פּערזענלעכקייט פאַרבינדט ד. פינסקי זייער שלעכט מיטן קאַמף פאַר ענדערן דעם גאַנצן געזעלשאַפטלעכן

סיידער. עמעס, פינסקי סימפאטיזירט ניט מיט יענע, וואָס ווערנ זעלבשטענדיק דורכ ארויסכאפנ זיכ אינגאנצנ פונ דער ארבעטער־סוויווע (דראבקינ), אָבער בא פינסקינ איז נאָכ גאנצ שטארק די אילוזיע, אז דורכ אופקלערונג, דורכ בילדונג וועט די ארבעטער־פערזענלעכקייט זיכ דערשלאָגנ זעלבשטענדיקייט.

פינסקיס סאָציאליזמ איז אזויארומ היפש פארפלעקט מיט אופקלעריי. אונ ניט נאָר מיט אופקלערעריי.

בא פינסקינ איז דאָ א דערציילונג „צוויי וועלטנ", אָנגעשריבנ אינ 1897 יאָר, איז זי זייער כאראקטעריסטיש פאר די שטימונגענ, מיט וועלכע פינסקי הייבט זיכ אָנ ארומטראָגנ. ביניאָמינ, דער לערער מיט די מאָדערנע אידייענ, זאָגט זיכ אָפ ארויסצופילנ די באקאָשע פונ דער שוויגער זיינער צו טויוולענ די קיילימ. דער שוויגער פארשאפט דער אָפזאָג גרויס אגמעסנפעש. אונ פינסקי שילדערט ביניאָמינענ, ווי א מענטשנ, וועמענ עס זיינענ פרעמד מ ע נ ט ש ל ע כ ע ל י י ד נ , בייס לייע די פרוי זיינע (אויכ מיט „מאָדערנע אידייענ"), וואָס פילט אויס די באקאָשע פונ דער אַלטער, ווערט געשילדערט, ווי אזא, וואָס איז פ י ל ב א ר צו מענטשלעכע ליידנ. דער איידעמ איז שטרענג, קאָנסעקווענט, אָבער קאלט ווי אייז אונ ניט צו אימ איז געווענדט פינסקיס ליבע, סימפאטיע, קורצ: „צוויי וועלטנ" שטרעקנ זיכ אויס די הענט. דער אָפאָרטוניזמ פונעמ סאָציאליסט־אופקלערער טרעט שוינ גאנצ בולטע ארויס.

* * *

בא א צענדליק יאָר האָט זיכ פינסקי באשעפטיקט אינ זיינ קינסטלערישנ שאפנ מיט געשטאלטנ פונ דער ארבעטער־סוויווע, פונ דער האָרעפאשנער סוויווע. די פראָלעטאריער, מיט וועלכע פינסקי באשעפטיקט זיכ, האלטנ ערשט אינ ו ו ע ר נ קעמפער, זיי מאכנ ערשט די ערשטע, גאנצ אָפט ניט־דרייסטע טריט אפנ וועג צומ קאמפ קעגנ זייערע אונטערדריקער. צו די דאָזיקע פראָלעטאריער האָט פינסקי, דער קליינבירגערלעכער רעוואָליוציאָנערער אינטעליגענט פונ יענער טקופע, פולע סימפאטיע. וועט אָבער דער פראָלעטאריער שוינ ו ו ע ר נ א ק ע מ פ ע ר , וועלנ זיכ אָבער די קלאסנ־שלאכטנ צעפלאקערנ, וועט דער לאָזונג פונ סאָציאלער רעוואָליוציע ווערנ א קאָנקרעטער, וועט זיכ דערנענטערנ די ערשטע גרויסע רוסישע רעוואָליוציע — דער

פּראָגראַם צום אָקטיאַבער, דעמאָלט ווען פּינסקי אַוועקגיין פון פּראָ־ לעטאַריאַט, ער ווערט פאַראַנטן דעם פּראָלעטאַריאַט.

פּינסקי איז געווען אַ מיטגייער מיטן פּראָלעטאַריאַט אין פּעריאָד, ווען די קלאַסן־שלאַכטן זיינען נאָך געווען פאַרהעלטניסמעסיק שוואַך פאַנאַנדערגעוויקלט, ער איז געווען אַ מיטגייער אין פּעריאָד, ווען עס איז געגאַנגען די צוגרייטונג צו די קומענדיקע פאַנאַנדערגעוויקלטע שלאַכטן. פּינסקי איז מיטגעגאַנגען מיטן פּראָלעטאַריאַט (מיט די רעזערוון פון פּראָלעטאַריאַט און ניט מיט די אַוואַנגאַרד־טיילן) אין דעם ערשטן צענדליק יאָר פון זיין שאַפן — אין די 90־קער יאָרן.

קעדיי צו אילוסטרירן אינדזער געראַנק וועגן דעם, אַז פּינסקי איז מיטגעגאַנגען מיטן פּראָלעטאַריאַט בלויז באַם באַגינען פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, און שפּעטער, ווען די קלאַסן־שלאַכטן האָבן זיך צעוויקלט און פאַנאַנדערגעפּלאַקערט, האָט ער פאַרלאָזן, פאַראַטן דעם אַרבעטער, וואָלט אייגנטלעך גענוג געווען צו דערציילן וועגן דעם גורל פון איציק שעפּטל (דראַמע „אייזיק שעפּטל"). פּינסקי האָט מיט אַ צייט שפּעטער אָנגעשריבן אַ צווייטן טייל פון דער דאָזיקער אַרבעטער־דראַמע (געדרוקט אין אַמעריקאַנער זשורנאַל „אויפקום" 1926 יאָר) אונטער אַ שרייענדיקן נאָמען „די טראַגעדיע פון דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג". דער הויפּט־העלד איז דאָרט איסאַק פּיניעוו. איסאַק פּיניעוו איז דער זעלבער איציק שעפּטל, וועלכן דער שרייבער האָט ווידער צום לעבן געבראַכט.

איסאַק פּיניעוו (איציק שעפּטל) לעבט דורך דריי רעוואָלוציעס. פּינסקי מאַכט אים אפילו פאַר אַ באָלשעוויסטישן קאָמיסאַר. אָבער דער רעוואָלוציאָנערער טעראָר, וואָס די באָלשעוויקעס ווענדן אָן קעגן די מערדער פון אוריצקין, וואָלאָדאַרסקין, קעגן די אָנפאַלער אויף לענינען, קעגן דער צעבושעוועטער קאָנטררעוואָלוציע, שרעקן אָפּ דעם „באָלשעוויסטישן קאָמיסאַר" איסאַק פּיניעוו. ער קערט זיך אָפּ פון דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג, ווערט אין טאַך אַ פיינט פון דער רעוואָלוצ. אַרבעטער־באַוועגונג (און דאָ איז „די טראַגעדיע פון דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג" לויט פּינסקין).

קאַלמאַן דער אַרבעטער איז געווען אַן עקספּלואַטירטער, אַ ליידנדיקער, האָט צו אים פּינסקי געהאַט סימפּאַטיע, ער האָט סימפּאַטיזירט מיט זיין סאָציאַל ניט־באַוויניקטן, מיט זיין אַנאַרכיסטישן

פּראָטעסט—האָט אָבער דער פּראָלעטאריער זיכ אופגעהויבנ א סאָפ צו מאכנ צו די דוירעסדיקע עקספּלואטאציע אונ לײַדנ אונ צו די אלע, וועלכע ווילנ אײַנהאלטנ די דוירעסדיקע עקספּלואטאציע אונ לײַדנ, האָט ער שוינ דאנ דאָוויד פּינסקינ געטראָפנ אינ לאגער פונ דער בורזשואזיע, אינ לאגער פונ דער קאָנטררעוואָלוציע. באַם באטראכטנ די אלע שפּעטערדיקע דראמעס פּינסקיס וועט דער דאָזיקער טעזיס אונדזוערער נאָכ קלאָרער ווערנ.

נאָכ „אײַזיק שעפטל" (1899 יאָר) ווארפט פּינסקי ביכלאל די ארבעטער־טעמאטיק („איסאַק פּיניעוו" אונ אנדערע קלענערע דערציילונגענ זײַנענ אנ אויסנאם). פּינסקי האלט, אז ער האָט שוינ „וועגנ דעמ ארבעטער אלצ געזאָגט, וואָס ער האָט געהאט צו זאָגנ". פּינסקי נעמט זיכ שוינ דאנ צו אנדערע מאָטיוונ: מאָטיוונ פונ ליבע, אײַנזאמקײַט, נאציאָנאלע געשיכטע א. א. וו. די רעאקציאָנערע אידייענ פּינסקיס קריגנ זייער אויסדרוק אינ אנדערע טעמעס, אינ אנדערע געשטאלטנ. די האנדלונג קימאט אינ אלע פּינסקיס דראמעס קומט שוינ פאָר אינ דער בורזשואזער סוויווע, אינ דער סוויווע פונ „גרויסע ייִדנ—דער „פּרעמדער", „דער שטומער מאָשיעכ", אונ דאָס באווײַזט ווידער, אז פּינסקי האָט זיכ אידעאָלאָגיש אריבערגעקליבנ אינ בורזשואזנ, אינ רעאקציאָנערנ לאגער.

אינ דעמ זינ איז זייער כאראקטעריסטיש פּינסקיס אנ אײַנאקטער „גליקפארגעסענע", אָנגעשריבנ אינ 1904 יאָר. דער אײַנאקטער הייבט זיכ אָנ מיט א בילד אינ פאניע סעגאלס ווארשטאט: עס זיצנ בא די מאשינענ נייטערנס אונ זינגענ אויס זייער סאָציאלנ פּײַנ. אָבער פּינסקי פארקערעוועט באלד די גאנצע „דראמע" אפ די „טיפע" איבערלעבונגענ פונ דער ווארשטאט־אייגנטימערנ פאניע סעגאל. פאניע סעגאל ווערט שוינ איצט ארויסגעפירט ניט ווי א מאָדרעס („גוט־יאָנטעוו־בעטנ"), ניט ווי א רעב עליע („ערעוו יאָנקיפּער"), ניט ווי א גאָלדינ („אײַזיק שעפטל"), נאָר ווי אזא, וואָס „לײַדט", וואָס ברענגט זיכ פאר „א קאָרבנ" פאר דער שוועסטער אונ ווערט פונ דער זעלבער שוועסטער אָפּגענארט (די שוועסטער אָלגא, די מאָלערנ, נעמט אוועק בא פאניענ איר געליבטנ בערמאנ), אונ דאנ, ווענ עס ווערט פאר פאניענ קלאָר דער שוועסטערס „פּאראט", ווערט זי „מיד פונ גוטס טאָנ".

צו דעמ דאָזיקנ אײַנאקטער מאכט פּינסקי זייער א כאראקטע־

ריסטישע באמערקונג: אז מע קאָן זיך באַגיין אָן דער סצענע מיט די אַרבעטערנס אין נײַ־וואַרשטאָט. מע קאָן דורכלאָזן די פיר זײַט־לעך מיט די אַרבעט־מיידלעך (ערשטער באַנד פון פּינסקיס דראַמעס, אויסגאַבע ניו־יאָרק, 1918 יאָר, ז. 275). פּינסקי רעקאָמענדירט גלײַך אָנהייבן די שפּיל פון פאַניע סעגאַלס „דראַמע", פון אירע „לײַדן". די דאָזיקע באַמערקונג מאַכט אַזוי קלאָר, דורכזיכטיק דעם פאַקט, אַז פּינסקי האָט שוין פאַרלאָזן, פאַראַכטן די שנײַדער־מיידלעך. איצט איז שוין פּינסקי געוואָרן דער שרײַבער פון פאַניע סעגאַל...

* * *

סאָף 19־טן יאָרהונדערט פאָרט פּינסקי אָפּ אין די פאַראייניקטע שטאַטן. ער באַזעצט זיך אין ניו־יאָרק. פאַר דער צײַט, וואָס פּינסקי איז אין אַמעריקע, שרײַבט ער אָן גאָר אַ גרויסע צאָל דראַמעס. פּינסקי פּראָיעקטירט איצט אַרויסצוגעבן 20 בענדער געזאַמלטע ווערק.

אין פּראַט פון דער צאָל דראַמעס, קאָמעדיעס, טראַגעדיעס, וואָס פּינסקי שרײַבט פאַר די עטלעכע און דרײַסיק יאָר פון זײַן געפינען זיך אין די פאַראייניקטע שטאַטן, איז דער „אַמעריקאַנער פּעריאָד" דער פּראָדוקטיווסטער אין פּינסקיס ליטעראַרישער טעטיקײַט, אָבער אין פּראַט פון קוואַליטעט, קינסטלערישער קוואַליטעט איז דער דאָזיקער „אַמעריקאַנער פּעריאָד" דער אומ־גליקלעכסטער פאַר פּינסקין. ווען פּינסקי האָט אָנגעשריבן זײַן נאַציאָנאַליסטישע רעאַקציאָנערע דראַמע „פאַמיליע צווי", אין 1903 – 1904 יאָר האָט דער בורזשואַזער קריטיקער באַלמאַכשאַיעס געמוזט אײַנזען אין דער דראַמע אַן אַראָפּזעצונג פון פּינסקיס קינסטלערישן טאַלאַנט, אָבער די אַלע איבעריקע דראַמעס (מיט זייער ניט קיין גרויסע אויסנאַמען) זײַנען דאָך נאָך פיל ערגער, ווי „פאַמיליע צווי".

עס איז דעריבער דורכויס פאַרשטענדלעך, וואָס די גרעסטע צאָל דראַמעס פּינסקיס האָבן ניט געזען די ליכטיקע שײַן, זײַנען ניט אויפגעפירט געוואָרן אויף דער סצענע־בינע; אַפּאָנעם, אַז דער טעאַטער (אויך דער בורזשואַזער, דער קליינבירגערלעכער) קאָן מיט פּינסקיס דראַמאַטורגישן מאַטעריאַל גאָרניט אָנהייבן. און דאָזיקער פּינסקין בלײַבט זיך קלאָגן אויף דער קאַלטקייט און גלײַכגילטיקייט פון עולם צו זײַן רײַכער (אין צאָל) דראַמאַטישער שאַפונג.

ניטאָ קיינער דערוועגן, וואָס זײַנע ערשטע רעצענזענטן האָבן

געמאכט אפּן לייענער, ניטאָ יענע באַגײַסטערונג, וואָס זיינע ערשטע אַרבעטער־דערציילונגען האָבן אַרויסגערופֿן בײַ די אַרבעטער־לייענער. ניטאָ די ליבע און אַכטונג צום שרייבער, צום מיטאַרבעטער פֿון די „יאָנטעוו־בלעטלעך".

פּינסקי האָט אין יול 1932 יאָר אָפּגעדרוקט אין די וואַרשעווער „ליטעראַרישע בלעטער" נום. 29 א דערציילונג וועגן איינעם א שריפטשטעלער נאַפּטאָלי מענקין. דער דאָזיקער נאַפּטאָלי מענקין איז לעבאַטכילע געווען א שרײַבער מיט טאַלאַנט: „ווען ער האָט אָנגעהויבן, האָט ער דערוועקט גרויסע האָפֿענונגען. מע האָט פֿיל גערעדט פֿון אים, ער האָט אַרײַנגעבראַכט אין דער יונגער יידישער ליטעראַטור זײַן אייגענע וועלט און זיין אייגענעם קוק אויף וועלט און מענטשן". שפּעטער האָט ער אָבער אָנגעהויבן באַקן „סקיצעס און לאַנגע דראַמעס", ער האָט צעפּאַטערט אַלע זיינע „באַגאַבעניש" אויף „יעדעס שטיקל אינטריגע, וואָס ער האָט דורכגעלעבט אין די צײַטונגען". „אַרום אים האָט געשטורעמט, און ער איז געשטאַנען אינמיטן און אומגעשטערט געקריצלט דעם אוילעם מיט די קליינלעכסטע נישטיקײַטן". „ער איז געוואָרן טויב און בלינד צו די גרויסע געשעענישן פֿון דער צײַט. און האָט ער זיך צוגעוווּנדן צו זיי, איז עס געווען אויבנאויף, פּאַרביגייענדיק, אַפֿילע לעבלעך". מיט איין וואָרט, נאַפּטאָלי מענקין האָט זיך צוגעפּאַסט צו די שונדישע פֿאַרלעגער און רעדאַקטאָרן, צו די שונדישע צײַטונגען און זשורנאַלן, וואָס האָבן געטײַנעט: „דער אוילעם וויל ניט קיין טיפֿע פּראָבלעמען... קונסט און טיפֿע פּראָבלעמען זײַנען דעם אוילעם לאַנגווײַליק, און ער וויל זיך אַמוזירן, ער וויל געקריצלט ווערן".

און אין רעזולטאַט פֿון דער צופּאַסונג צו די שונדישע געשמאַקן האָט נאַפּטאָלי מענקין פֿאַרלאָרן זײַן קינסטלערישן טאַלאַנט, ער לײַדט איצט, אַזוי געזאָגט, פֿון קינסטלערישן שווינדזוכט, אומעטום טרעפֿט ער איצט פֿאַראַכטונג און שפּאָט.

אָבער דאָ איז דאָך אָנגעצייכנט אַן אוטאָפּאָרטרעט, דאָס איז דאָך ניט נאַפּטאָלי מענקין, נאָר בעפּיירעש דאָוויד פּינסקי אַליין. די דערציילונג „פֿון איינעם, וואָס האָט זיך געפֿונען" האָט דאָך געמעגט האָבן א באַמערקונג: „אויטאָביאָגראַפֿישע". עס איז דאָך די אייגענע טרויעריקע און אומגליקלעכע ליטעראַטור־געשיכטע.

—

* * *

דאָוויד פּינסקיס ליטעראטור־טעטיקייט ציילט ס׳וינ העכער פיר צענדליק יאָר. אינ 1932 יאָר האָט די בורזשואזע וועלט געפייערט דעם יובילײ פונ דאָוויד פינסקיס ליטעראַרישער שאפונג. בורזשואזע רעאקציאָנערע ליטעראטנ האָבנ דאנ פינסקינ געקרוינט פאר א קלאסיקער, פאר א נאציאָנאלנ קלאסיקער (ציִעניסטישער „היינט“, סאָציאל־פאשיסטישע אמעריקאנער „צוקונפט“). די דאָזיקע קרוינ האָט דאָוויד פינסקי באקומענ, פארשטייט זיכ, ניט פאר דער קונסט פונ זיינע דראמעס, נאָר פאר דעם רעאקציאָנערנ, נאציאָנאליסטישנ אינהאלט פונ זיינע דראמעס. פאר זיינ ציִעניסטישער טעטיקייט, פאר זיינע רעדעס אפ ציִעניסטישע באנקעטנ וועגנ די „גליקנ“ פונ דער ציִעניסטישער קאָלאָניזאציע פאר די... אראבישע מאסנ... „די אראבישע מאסנ — האָט ער זיכ צעשריִענ אינ וויִנ — פילנ אונ דריקנ אויס דאנקבארקייט דערפאר, וואָס אינ שכיינעס פונ די בליִענדיקע (!? ש. ק.) יידישע קאָלאָניעס האָט זיכ פארגרעסערט אונ עקאָנאָמיש פארפעסטיקט (!? ש. ק.) אויכ דער אראבישער יישעוו“ (ציטירט פונ „היינט“ יול 1932 יאָר). אינ „היינט“ פארנ זעלבנ כוידעש (15־טנ יול), האָט פינסקי, אינ א שמועס מיט א מיטארבעטער פונ דער דאָזיקער צייטונג דערקלערט, אז „די ערשטע מײלע פונ ערעצ־יִסראָעל איז דאָס, וואָס אלע זיינענ פול מיט אנציקונג אונ גלויבנ; ס׳איז ניטאָ דער מידער האָפענונגלאָזער אויסדרוק אפנ פּאָנעם, וואָס מע באגעגנט אזוי אָפט אינ די קריזיס־לענדער. ערעצ־יִסראָעל — האָט פינסקי אויסגעשריִענ אינ היספּײלעס־קוקט פרײ אונ זאָרגלאָז אינ דער צוקונפט“. אונ אונטער דעם אײנדרוק איז טאקע אָנגעשריבנ געוואָרנ די ציִעניסטישע פיעסע „היידא“.

פינסקי איז אזויארום געוואָרנ א ציִעניסטישער טריבונ. ער דארשנט וועגנ דעם, אז „ערעצ־יִסראָעל קוקט פרײ אונ זאָרגלאָז אינ דער צוקונפט“ אונ דארשנט אינ א צײט, ווענ דער וועלט־קריזיס פונ קאפיטאליזם דריקט אלצ שטארקער אונ שטארקער, אונ פאר אזעלכע לענדער, ווי פּאלעסטינע באטײט עס 80—90 פראָצ. ארבעטלאָזע (זע כ׳ פ. נאָוויקס בריוו פונ דער „נאציאָנאלער היים“, „עמעס“ יול 1932 יאָר), רויִנירונג אונ כורבנ פונ דער גרעסטער מאסע פויערים יידישע אונ אראבישע.

אָט פאר דער דאָזיקער ציִעניסטישער פּראָפּאגאנדע איז פּינסקי געקרוינט געוואָרן פאר א קלאסיקער.

כאראקטעריסטיש איז דאָס, וואָס אין פּינסקיס יובילײ־פײַערונגען איז קימאט ווי אינגאנצן פארשוויגן געוואָרן דער ערשטער עטאפּ פון זײַן שאפונג, יענער עטאפּ, וואָס האָט דאָוויד פּינסקין אָפּ א צײַט פארבונדן מיט דער ארבעטער־באוועגונג.

אין אונדזער שול־אויסגאבע האָבן מיר גראָד אָפּגעקליבן די יעניקע דערציילונגען, די יעניקע זײַטלעך, וואָס פּינסקי האָט געשריבן אין ערשטן פּעריִאָד פון זײַן שאפונג, וואָס איז אויך געווען דער בליִונג־פּעריִאָד אין דאָוויד פּינסקיס ליטעראַרישן לעבן.

דאָוויד פּינסקי

(קורצע ביִאָגראפיע)

דאָוויד פּינסקי איז געבוירן געוואָרן אין דער שטאָט מאָלעוו אפן דניעפּער אין 1872 יאָר. אין מאָלעוו אפן דניעפּער האָט פּינסקי געלעבט א יאָר 12—13. ער האָט דאָרט געלערנט אין כײדער און אויך שטודירט אלגעמיינע וויסנשאפטן. אין 1885 פאָרט דאָוויד פּינסקי אריבער מיט זײַנע עלטערן אין מאָסקווע. אין מאָסקווע זעצט פּינסקי פאָר זײַן לערנען. אינגיכן פאָרט פּינסקי אָפּ פון מאָסקווע, ער לאָזט זיך אין ווין שטודירן מעדיצין (אין 1891 יאָר).

צוליב דער שווערער לאגע, אין וועלכער פּינסקי געפינט זיך, איז ער אָבער געצוווּנגען וואַרפן דאָס לערנען און פארלאָזן ווין. פּינסקי קומט אין 1892 יאָר אין ווארשע.

אין ווארשע פארנעמט זיך פּינסקי מיט לערערײַ, דאָ הייבט זיך אָן פּינסקיס ליטעראַרישע טעטיקײַט (צו ליטעראַטור האָט פּינסקי געהאט א אינטערעס נאָך פון קינדווײַז אָן). ער נעמט אָנטייל אין פיל ליטעראַרישע זאמלביכער, וואָס זײַנען דאן ארויסגעגאנגען: ספּעקטערס „הויזפרײַנד”, פּערעצעס „יידישע ביבליאָטעק”, „ליטעראטור

אונ לעבנ״, „יאָנטעוו־בלעטלעכ״ אונ אנדערע. באזונדער פּאָפּולער אונ באַוווּסט ווערט פּינסקי מיט זיינ אָנטיילנעמענ אינ די ליטעראַרישע זאמלביכער „ליטעראַטור אונ לעבנ״, „יאָנטעוו־בלעטלעכ״. דאָס זיינענ געווענ זאמלביכער, וואָס זיינענ שאַרפ ארויסגעטראָטנ קעגנ אלע פינצטערע, רעאַקציאָנערע קויכעס אינ דער יידישער סוויווע: דאָס זיינענ געווענ זאמלביכער, וואָס האָבנ זיכ געשטעלט א ציל טראָגנ קולטור אונ בילדונג אינ די יידישע ארבעטנדיקע מאסנ. די זאמלביכער זיינענ געשטאַנענ אינ נאָענטע באַציִונגענ מיט פארשיידענע ארבעטער־קרייזלעכ, מיט פארשיידענע סאָציאַליסטישע קרייזלעכ. י. ל. פּערעצ אונ דאָוויד פּינסקי זיינענ געווענ די שעפער פונ די דאָזיקע זאמלביכער. די גרעסטע צאָל ארבעטער־דערציילונגענ פּינסקיס, פּערעצעס באַוווּסטע דערציילונגענ: „דאָס שטריימל״, „באָנצע שווייג״, „די נייטערנ״ זיינענ דאָרט געווענ געדרוקט. די „יאָנטעוו־בלעטלעכ״ האָבנ זיכ אופגעהאַלטנ אפ די גראָשנס, וואָס פארשיידענע אינטעליגענטישע גרופּקעס, ארבעטער־קרייזלעכ פלעגנ אופזאמלענ.

פּינסקי פירט אָנ אינ די יאָרנ 1894—1896 מיט יידישע סטודענטישע קרייזנ. די קרייזנ טראָגנ א קולטור־טרעגערישנ כאראַקטער. זיי שטעלנ זיכ א ציל צו פארשפּרייטנ פּאָפּולערע ביכער אונ בראָשורנ צווישנ די יידישע ארבעטנדיקע. צו דעמ צוועק שרייבט פּינסקי אָנ זייִנ באַוווּסטע דערציילונג „ר׳ שלוימע״ (1894) (זע אונדזער אוייַנפּיר). ער באַארבעט אויכ ברעמס „די אכפּענ״ (די מאַלפּעס).

שפּעטער מיט א דריי יאָר (1897) שטעלט פּינסקי צונויפ צוויי ביכער אפ א פיזיאָלאָגישער טעמע „די לערע פונעמ לעבנ״. ביז גאָר כאראַקטעריסטיש אונ אינטערעסאַנט איז דאָס, וואָס פּינסקיס אאודיטאָריע, פּינסקיס לעזער אונ צוהערער זיינענ קימאַט אויסשליסלעכ ארבעטער. די סטאָליער־יונגענ, די שוסטערס, די שניידער־מיידלעכ, די מעשאָרסימ ווארפנ זיכ ארופ אפ דער דאָזיקער ליטעראַטור, שלינגענ יעדער נייַ אונ פריש וואָרט, בייס די אנדערע שיכטנ זיינענ אָדער טויב צו דעמ אלעמ, אָדער כויזעקנ אפילע פונ די קולטור־ניקעס, פונ די בילדונג־פארשפּרייטער. עס ווערט שוינ דאנ קלאָר, אז דער פּראָגרעסיווסטער קויעכ איז דער ארבעטער־קלאס אונ צו אימ ציִענ זיכ טאקע די מער פּאָרגעשריטענע, די לינקע אינטעליגענטנ.

סאָפ 90־קער יאָרנ פארלאָזט פּינסקי ווארשע, ער פּאָרט אריבער אינ ניו־יאָרק. דאָרט הייבט זיכ אָנ פאר פּינסקינ א נייער פּעריאָד.

ער פאלט דאָרט ארונטער אונטער דער ווירקונג פונ דער קליינביר־גערלעכער סוויווע, פארלאָזט די סטאָליער־יונגענ, די שוסטער־יונגענ, הערט זיי אופ באשרייבנ אונ נעמט זיכ צו נייע טעמעס. ער הייבט אָנ באזינגענ די „אלטע שיינקייט", אונ די „אלטע שיינקייט" — דאָס זיינענ די מאגיזימ (דראמע „פאמיליע צווי"), די רעב יויסעפס (דער „שטומער מאָשיעכ") די זעלבע, קעגנ וועלכע פינסקי האָט פריִער גאנצ מוטיק געקעמפט.

פונ יאָר צו יאָר זינקט פינסקי אלצ טיפער אינ זומפּ פונ דער קאָנטררעוואָליוציע. ער ווערט א מיטגליד פונ דער נאציאָנאליסטישער קאָנטררעוואָליוציאָנערער פארטיי פויאלי־ציִענ. ער ווערט א שרייבער פונ די אמעריקאנער געלע בלעטער אונ זשורנאלנ, ער ווערט א שרייבער פונ דער בורזשואזער ציִעניסטישער צייטונג „היינט" (ווארשע). אינ „היינט" דרוקט ער נאָכ איצט זיינ „ווערק" „שלוימע האמיילעכ אונ זיינע טויזנט ווייבער". שוינ מער ווי הונדערט עפּיזאָדנ זיינענ אָפּגעדרוקט וועגנ „שלוימע האמיילעכס טויזנט ווייבער". אָבער ד. פינסקי האָט זיכ פארמאָסטנ אָנצושרייבנ וועגנ יעדער ווייב אנ עפּי־זאָד — וועט זיכ נאָכ די שרייבעכצ ציִענ אונ ציִענ (ביז טויזנט!).

אינ 1932 יאָר איז פינסקי געווענ אינ פאלעסטינע. באמ אומ־קערנ זיכ פונ פאלעסטינע האָט ער פארשפרייט פאלשע ליגנערישע יעדיעס וועגנ דער לאגע אינ פאלעסטינע (זע אונדזער ארייִנפיר). אינ דעמ זעלבנ יאָר האָט די בורזשואזע וועלט געפייערט פינסקיס 40־יאָריקנ ליטערארישנ יובילײ אונ דעמ 60־יאָריקנ געבורט־טאָג פינסקיס. מיר האָבנ דעמ דאָזיקנ יובילײ ניט געפייערט, ווייל 30 יאָר פונ פינסקיס ליטערארישע טעטיקייט זיינענ יאָרנ, ווענ פינסקי שטייט צו דינסט דער בורזשואזיע; מיר אכטנ אינ פינסקינ דעמ ערשטנ צענ־דליק יאָר פונ זיינ ליטערארישנ לעבנ, דעמ צענדליק יאָר, ווענ ער איז געווענ נאָענט דעמ ארבעטער.

ש. ק.



גוט־יאָנטעוו־בעטן

באַ טאָדרעס דעם מעבל־הענדלער איז פול געווען די שטוב מיט געסט, ווען עס זיינען אַרײַנגעקומען צו אים גוט־יאָנטעוו־בעטן זיינע ארבעטער: לייזער דער הויכער, אווראַמל דער געלער און יאנקל דער דארער.

די ארבעטער האָבן זיך פארלאָרן, געפינענדיק אזוי־פיל געסט. דאָך שמייכלען זיי, און לייזער דער הויכער דערוועגט זיך אויסצו־רופן מיט א ברייטקייַט, כאָטש ניט אזוי הויך: „גוט־יאָנטעוו!"

— א, סקאָצל קומט! — ענטפערט די באַלעבאָסטע.

— גוט־יאָנטעוו, גוט־יאָנטעוו! — ענטפערט דער באַלעבאָס, — קאַם א מאָל געקומען. שיינע מענטשן!

— א, סקאָצל קומט! — שרייַט דעם באַלעבאָס קליינער זון מיט א דינ קעלכל און גיט א קלאַפּ לייזער דעם הויכן אין רוקן.

לייזער שמייכלט.

מע ווייַזט זיי אָן אפ שטולן באַם עק טיש. זיי זעצן זיך מיט דערעכערעץ, פארקאַשערנדיק די פאָלעס פון די רעק. זיי ווייסן נישט וואָס צו טאָן מיט זיך און קוקן ארום די ווענט, באטראכטן די בילדער, טאפן די שטולן אונטער זיך.

— וואָס זיצט איר אזוי? — זאָגט זיי דער באַלעבאָס, איבעררייַסנ־דיק זיין געשפרעך מיט די אויבנאָנענדיקע געסט. — גיסט זיך אָן און מאכט לעכאַיִם.

לייזער הייבט זיך אויף פון זיין אָרט און ציט זיך קימאַט אויס איבערן טיש צו דערלאַנגען די פלאַש מיט בראָנפן.

— או, באַ אים זיינען צעריסן די...! — שרייַט אויס דער קליי־נער זון און פאטשט מיט די הענט, — דאָ הינטן צעריסן...

לייזער ווערט רויט; אווראַמל און יאנקל פארשעמען זיך אויך. דאָס ייִנגל שפּארט זיך נאָר אייַן און וויל דאפקע אויפהייבן לייזערן

און וויַזן דעם ריס. די מאמע שרייַט אַף אים אָן, און ער גייט אַף מיט א געלעכטער.

לייזער גיסט אָן זיך מיט די כאוויירים.

— לעכאיִם! — מאכט ער צום באַלעבאָס, — לעכאיִם...

— לעכאיִם! — האַלטן אים אונטער אווראָם מיט יאנקלען.

לייזער שמייכלט — ער וויל נאָך עפּעס זאָגן.

— לעכאיִם, לעכאיִם! — ענטפערט זיי דער באַלעבאָס, איבער־רייַסנדיק זיין געשפּרעך מיט א ייִדן אין א צילינדער, און קערט זיך אום צום צילינדער צוריק.

לייזער מאכט מיט די ליפּן; אווראָמל און יאנקל קוקן אַף אים.

— לעכאיִם, — זאָגט ענדלעך לייזער צו דער באַלעבאָסטע.

— לעכאיִם טויווים אולעשאָלעם! [1] ענטפערט זי זיי, — טרינקט געזונטערהייט!

זי קערט צוריק אָפּ דעם קאָפּ צו דער ייִדענע, מיט וועלכער זי האָט גערעדט.

— האַלעוויַ אַף אייַער ריווקעס כאסענע! — ווינטשט לייזער מיט א כאניפעדיקן שמייכל. די כאוויירים העלפן אים שמייכלען.

די באַלעבאָסטע שמייכלט אָפּ צוריק, העפלעך א נייג טוענדיק מיטן קאָפּ.

זיי טרינקען אויס די קויסעס און פארבייַסן. עסנדיק, הערן זיי זיך צו צום באַלעבאָס געשפּרעך. ער רעדט פון זיינע געשעפטן.

— איך האָב, דאנק גאָט, ניט וואָס צו זינדיקן, — רעדט ר׳ טאָד־רעס מיט א פריילעכן טאָן. — א נאָמען, דאנק־גאָט, ווייסט איר דאָך אַליין... מענטשן, דאנק־גאָט, לעבן פון מיר... — ער וויַזט אָן מיט דער האנט אפן עק טיש, ווו עס זיצן די ארבעטער, — און אַלץ איז ליוב גאָט, — זאָגט ער, ווערנדיק נאָך פריילעכער און צופּאטשנדיק מיט דער האנט אפן טיש, — און לאָמיר טאקע נעמען לעכאיִם.

ער האָט אָנגעגאָסן די בעכער.

— ווייסטו גאָר וואָס, יאנקל? — ווענדט ער זיך צום דארן, — זינג אונדז גאָר דייַן „מעכאלקל כאיִם". [2] איַ, האָט ער א „מעכאלקל כאיִם", — זאָגט ער צו די ארומיקע געסט. זיי שטעלן אָן די אויגן אַף יאנקלען.

אַף יאנקלס געזיכט טרעטן ארויס רויטע פלעקן.

— נו, הייב אָן! — קאָמאנדירט דער באַלעבאָס.

— הײַנט קען איך עפּעס ניט זינגען, — ענטפֿערט יאַנקל. — עפּעס הוסט איך און אין האַרצן טוט מיר װײ.

— נו, נו, לאָז זיך ניט בעטן, — דערװידערט אים ר׳ טאָדרעס. — א נײַס באַ דיר הוסטן, נעם אַביסל בראָנפֿן און זינג... לאָז זיך ניט בעטן... גיס אים אָן, לײזער!

לײזער גיסט אָן. אַלע קוקן אױף יאַנקלען. יאַנקל ענטפֿערט ניט מער. ער מאַכט לחיים, טרינקט אױס אַביסל און קוקט זיך איבער מיט לײזערן און אורעמלען. —

— איר׳ט... דאַרף אונטערהעלפֿן? זאָגט ער זײ שטיל, האַלב בעטנדיק, האַלב הײסנדיק. ער הײבט אָן מאַכן „די שטעל", קוקנדיק אונטערן טיש. די כאַװײרים העלפֿן אונטער: פּאַם, פּאַם, פּאַם...

דער באַלעבאָס קװעלט.

— איר װעט הערן... א טײַער שטיק, — זאָגט ער צו די געסט און הײבט אָן אונטערציִען דעם ניגון.

נאָך פּלוצלינג צעהוסט זיך יאַנקל שטאַרק, ער קאָן קוים דעם אָטעם כאַפּן; ער האַלט זיך פֿאַר דער ברוסט, א שװײס באַדעקט זײן שטערן... די כאַװײרים קוקן אױף אים פֿאַרזאָרגט, ברומענדיק זײער „פּאַם, פּאַם". די געסט קערן אױס די פּענעמער מיט עקל.

— א, א פּלאַגע! — מאַכט דער באַלעבאָס פֿאַרדראָסיק — איצטער איז שױן פֿאַרפֿאַלן, ער װעט זיך שױן ניט אָפּהוסטן... דאָס שטיק איז אָבער א מין העפּלע³, זאָג איך אײַך...

יאַנקל קען זיך טאַקע ניט אָפּהוסטן. ער שטײט אױף פֿון זײַן אָרט אַװעקצוגײן אַהײם. די כאַװײרים הײבן זיך אױך אױף.

— אײַ, ביסטו א מענטש! — זאָגט דער באַלעבאָס צו יאַנקלען. — מע בעט דיך עפּעס זינגען, פֿאַרהוסטו זיך!

די באַלעבאָסטע באַמערקט דערװײַל אױף אורעמלען א נײַעם ראָק.

— זע, דאָס איז באַ דיר א נײַס? — זאָגט זי צו אים כאַניפֿעדיק. — טראָג געזונטערהײט! װיפֿל האָסטו באַצאָלט?

— ער קאָסט מיר א רובל אַכט, — ענטפֿערט אורעמל, רױטװערנדיק. — באַ אָשערן גענומען אױף אױסצאָלן...

— א פֿײַנער ראָק! זעסט, טאָדרעס, — װענדט זי זיך צום מאַן, — זעסט, ס׳אַרא ראָק אױף אורעמלען? קימאַט א שענערער פֿאַר דײַנעם...

— מײלע! — ענטפֿערט ר׳ טאָדרעס מיט א זיסן שמײכל און הײבט

זיך אָנ צו בארימענ פאר זײַנע געסט, אז ער האָט ליב, מענטשנ זאָלנ בא אים פארדינענ.

די ארבעטער ווינטשנ אלעמענ א גוטנ יאָנטעוו אונ גייענ אוועק.

— ווײַז, ווײַז דעם ריס!, — שרײַט דאָס יינגל, נאָכלויפנדיק נאָכ לייזערנ אונ הייבנדיק בא אים די פאָלעס פונ ראָק.

— הערט! — שרײַט זיי נאָכ דער באלעבאָס, — מאָרגנ, זעט לעמאנעשעם, וואָס פריער קומענ צו דער ארבעט..

1895 יאָר

אויסגעפֿירט

מוישע־לייב דער „מאקאציאָר“ איז געבאָרנ געוואָרנ צו זײַנ אנ ארטיסט, ווי עס זאָגט די גאנצע שטאָט — די זעלבע שטאָט, אינ וועלכער ער האָט דאָס ערשטע מאָל דאָס מויל געעפֿנט, אונ וועלכע האָט אימ א נאָמענ געגעבנ „מאקאציאָר“, פֿארדרייענדיק דאָס וואָרט „אקטיאָר“. ער האָט אינ זיכ אזעלכע שטיק, זאָגט מענ, אז מע קענ בלײַבנ אָנ א בויכ לאכנדיק. ווו מוישע־לייב איז, דאָרטנ איז פֿרייל‏עכ. שטעלט ער זיכ ערגעצ צו, וועט שוינ ארומ אימ ווערנ א רעדל. איבערהויפּט געראָט אימ נאָכמאכנ אנ אלטע פֿרוי. דארפֿ ער נאָר פֿארלייגנ די אונטערשטע ליפּ אפֿ דער אויבערשטער, ארופּלייגנדיק די רעכטע האנט אפֿנ באק אונ ארויסלאָזנ א זויערנ טאָנ, צעלייגט זיכ שוינ דער אוילעמ פֿאר געלעכטער.

נאָר ער איז געוואָרנ א שלאָסער, געארבעט שטענדיק אפֿ פֿרעמדע ווערקשטאטנ אונ איז געוועזנ אנ אָרעמאנ, ווי גאָט האָט געבאָטנ.

ער איז גאָרנישט געוועזנ אזא פֿריילעכער. זײַנ געזיכט איז געוועזנ שטענדיק ווי מיט א וואָלקנ באצויגנ, אינ זײַנע אויגנ זײַנענ, דאכט זיכ, שטענדיק טרערנ געשטאנענ. אימ איז דרײַסיק יאָר — אונ אינ קאָפּ אונ אינ באָרד האָט ער מער ווײַסע האָר אלס שווארצע. קוקנדיק אפֿ אימ, ווענ ער גייט פֿארטראכט פֿארבײַ, ווילט זיכ גאָר וויינענ. נאָר ער האָט געהאט אינ זיכ, ווי די שטאָט האָט געזאָגט, פֿריילעכע שטיק: מיט איינ וואָרט, ער איז געוועזנ אנ אקטיאָר, ריכטיקער געזאָגט — א קלאָונ.

דערפֿאר איז קיינ וווּנדער ניט, וואָס זײַנ באלעבאָס, אָפּלאָזנדיק די ארבעטער פֿורעמ באטאָג, האָט געבעטנ אימ צו זיכ צו דער סודע מעסאמייעכ זײַנ אביסל.

מוישע־לייב איז, ווי עס ווײַזט אויס, נישט זייער צופֿרידנ געוועזנ מיט דער אײַנלאדונג אונ האָט געענטפֿערט מיט א האלב מויל. דער

באַלעבאָס האָט אַף אים אַ וואָרפ געטאָן אַ בליק פון אונטערן שטערן.

— זאָלסט קומען, הערסט, דו! — האָט ער איבערגעכאַזערט און געקוקט אַף „זיין מענטש", וואָס פאַר אַ מינע יענער וועט מאַכן.

— גוט, האָט אויסגערעדט מוישע־לייב שוואַך, נעמענדיק זיך פאַר דעם הענטל פון טיר.

— מע זאָל נאָך דיר נישט דאַרפן שיקן! האָט אים נאָכגע־שריִען דער פאַבריקאַנט.

מוישע־לייב איז אַרויס, און דער פאַבריקאַנט האָט אַ מאַך געטאָן מיטן קאָפ אין זיין זייט, ווי ער וואָלט געזאָגט: „וואָס־זאָגט מען צו הײַנטיקע מענטשן, ווי זיי מאַכן דאָס אַביסל קוראַזש"...

אַפן גאַס זיינען צוגעגאַנגען צו מוישע־לייבן דרײַ אַרבעטער פון זיין פאַבריק: זאַלמען לאַמינע, מענדל קאָסוי און כאַיִם דער גריִנער.

— הער אים נישט, האָבן זיי אָנגעהויבן, איבערשלאָגנדיק איינער דעם אַנדערן, — זײַ בעסער אינדערהיים. מיר וועלן קומען צו דיר, מיר וועלן פאַרברענגען. מאַלע ער וויל! הער אים נישט!

— און וואָס אַרט מיך, אַז איך וועל גיין? האָט געענטפערט מוישע־לייב.

— וואָס אַרט דיך? פּערעאָדעם! האָט אויסגעשריִען זאַלמען לאַמינע, — וואָס, בא דיר איז קיין געזינד נישטאָ? בא דיר וועט מען צו דער סודע ניט זיצן?

מוישע־לייב האָט געשוויגן. ער האָט דאָס אַליין די גאַנצע צײַט געקלערט, דערפאַר האָט ער דאָך דעם באַלעבאָס געענטפערט מיט אַ האַלב מויל.

— זײַ נישט קיין פערד און זיצ אינדערהיים, האָט איבערגע־שלאָגן זאַלמענען מענדל קאָסוי, — מיר וועלן קומען צו דיר און פאַרברענגען אַביסל די נאַכט, אים וועט זיין פריילעך אָן דיר, נישקאָשע!

— גלאַט, ער וויל זיך פריילעך מאַכן, דאַרפ דײַן געזינד האָבן אַ פאַרשטערטן פורעם? האָט אונטערגעכאַפּט כאַיִם דער גרינער.

— מיר וועלן זען, האָט געענטפערט מוישע־לייב מיט אַן אומע־טיקער מינע.

— ניין, האָבן אויסגעשריִען די ארבעטער, — מיר האָבן נישט וואָס צו זען! דו זאָלסט מאַקע זיין אינדערהיים!

— זאָלן מיר קומען צו דיר באדערנאכט? האָט זאלמען גע־פרעגט און ארייַנגעקוקט אים אין די אויגן.

— קומט... מייַלע... מיר וועלן זען... האָט מוישע־לייב געשטאמלט.

— ווי איך בין א ייִד, אַז דו ביסט א גרויסער נאר, א פערד און א שויטע דערצו! האָט אויסגעשריִען זאלמען און איז אָפּגע־שפּרונגען פון מוישע־לייבן, פאַנאנדערשפּרייטנדיק די הענט.

— פע, טאקע א מאָדנער נאר! האָט געזאָגט מענדל.

— א פערד, א בעהיימע! האָט צוגעגעבן כאיִם.

— וואָס, דו האָסט קיין היים ניט? — האָט אָנגעהויבן ווײַטער זאלמען.

— ווי לאָזט מען דאָס גלאט א געזינד אליין? האָט צוגעגעבן מענדל.

— איך זאָל אפילע וויסן, אַז ער וועט מיר מאָרגן אָפּזאָגן, וואָלט איך נישט געגאנגען. בא מיר איז אויך יאָנטעוו! האָט גע־רעדט כאיִם.

— ווי דען? אזוי דארף זײַן! האָט פארשטארקט זאלמען.

— אוואדע. האָט זיך מענדל געכאסמעט.

און... מע איז זיך צעגאנגען מיט דעם, אַז מוישע־לייב „וועט זען“...

* * *

דער באלעבאָס האָט געבעטן, איך זאָל קומען צו אים צו דער סודע, האָט ער געזאָגט זײַן ווײַב, קומענדיק אהיים. ער האָט גערעדט מיט א מינע, גלײַך ווי אים וואָלט שווער געווען מוידע זיין זיך אין עפּעס א זינד.

— נו, און דו וואָס קלערסט? האָט דאָס ווײַב אים געפרעגט און א וואָרף געטאָן א שטעכנדיקן בליק אף אים.

— ווייס איך?

— ווי הייסט „ווייס איך?“, וואָס טײַטש „ווייס איך“? האָט שוין דאָס ווײַב דערהעכערט דאָס קאָל.

— מע דארף גיין, רעכן איך, האָט ער שוואך ארויסגערעדט.

— ווי הייסט „מע דארף גיין“? און איך מיט די קינדער זאָלן

זיצן אין כּוישעכל? האָט זי גערעדט מיט אַן איינגעהאַלטענעם טאָן און אָנגעהויבן בלייך ווערן.

ער האָט געשוויגן און געקלאַפּט מיט די פינגער אפן טיש.

— ווי ליגט זיך דיר דאָס ניט אפן זינען? האָט שוין דאָס ווייב אָנגעהויבן הויך, — ווי איז גאָר דאָס רעכט בא דיר? וואָס ביסטו בא אים, א פּאַרקויפטער, וואָס?

— ער נייט דאָך מיך ניט פון קאָהאָל[4]! ער האָט מיך געבעטן, האָט מוישע־לייב פּאַרעדט דעם באַלעבאָס.

— ווי בעט ער דאָס גאָר? האָט זיך צעשריִען דאָס ווייב, — פּאַרוואָס זאָל ער גאָר בעטן? וואָס איז, ער ווייס ניט, אז דו האָסט אליין א געזינדל? נאָר דיך אַרט דאָך זייער שטאַרק דאָס געזינד! איז זי אריבער אפן מאַן און געקרימט זיך, — פון דיינעט וועגן מעגן מיר אַלע אפּ דער וועלט ניט זיין! דו ביסט דען אויך א מענטש?

אין איר קאָל האָבן זיך שוין טרערן געפּילט.

— שאַ, איך גיי דאָך נאָך ניט! האָט מוישע־לייב בייז אויסגעשריִען.

— ניין, פּאַרוואָס זאָלסטו דאָס גאָר איבערעדן, האָט זי געשריִען מיט טרערן אפּ די אויגן. דער באַלעבאָס בעט דיך, דאַנק אים אָפּ און זאָג אים, אז דו קאָנסט ניט קומען, דו האָסט אליין א געזינד. און גענוג — אויס מאַרק! וואָס איז נאָך דאָ דער יישעוו־האַדראַס?[5]

מוישע־לייב האָט אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ.

— דו האָסט נאָך מיסטאָמע צוגעזאָגט קומען? האָט כאַנע געפּרשט, איינדרינגענדיק אין אים איר בייזן בליק.

מוישע־לייב האָט זיך געשטעלט באַם פענצטער, געשריבן מיטן פינגער אפּ דער שויב און געשוויגן.

— הא? צוגעזאָגט, צוגעזאָגט? האָט כאַנע גיפטיק געשיפּעט. וועלן מיר זען, צי וועסטו גיין, צי נישט! וועלן מיר זען! סיידן, סיידן, דו ווילסט אָנמאַכן לייטיש געלעכטער, סיידן!

זי האָט זיך שוין געוואָרפן, געשיקט פייערדיקע בליקן דעם מאַן און געקלאַפּט אין טיש מיט דער קוואַרט, וואָס זי האָט געהאַלטן.

— ווי איז דאָס א מענטש מיט א דאס[6], האָט זי אָנגעהויבן אַרבעטן מיט די הענט.

— ווּיפל בראנפן זאָל איך קויפן? האָט ער זי איבערגעריסן מיט א ברויגעזדיקער מינע.

זי האָט זיך אָפּגעהאַקט, געהאַלטן א ווײַלע די הענט אינדערלופטן, און, אראָפּלאָזנדיק זיי, געזאָגט מיט פאראכטונג.

— קויף, וויפל דו ווילסט! וואָס פרעגסטו בא מיר? נײַע נײַסן! איך זאָג מאַקע, ווי איז דאָס א מענטש מיט א דאס, האָט זי ווײַטער אָנגעהויבן אירס, נאָר שוואכער.

מוישע־לייב איז ארויס פון שטוב.

פונדעסטוועגן איז זי פריילעך געוואָרן און האָט א גאַנצן טאָג געבאַקט און געקאָכט „מיט לײַטן צוגלײַך“. ער האָט אויך געבראַכט פון גאַס קאָלטווו—בראנפן, הערינג, דרײַ אָראַנזשן, א צענדליק עפל און... האָט געדעכנט נאָך עפּעס צו קויפן.

— עך, האָט זי גערעדט באַפרידיקט, אײַנשטעלנדיק דאָס אַלץ אין אָלמערל,—גלאָט וועלן זוועקגיין צום באַלעבאָס! מיך אַרט נישט, אז מע וועט בא אונדז אויך פאַרבערענגען. שאַלאַכמאָנעס האָט מען, דאַנק גאָט, פאַרשפּילט, האָט זי ארויסגערעדט מיט א קרעכץ,—באָרוכאשעם, אַז דעם כאַפּט ניט די ביטערע פאַרנאָסע, זאָל נאָך דאָס שטיקל סודע אויך ניט זײַן!.. דעם פּעמפּיק ווילט זיך! נישקאָשע, ער וועט זיך אָנזופּן אָן דיר...

די אייגענע ווערטער האָט זי איבערגעכאַזערט, זעצנדיק זיך בא דער סודע. זי איז געוועזן צופרידן, וואָס ער האָט זי געפּאָלגט, נאָר זי האָט אים נישט געקאָנט מויכל זײַן, וואָס בא אים איז רעכט געוועזן אוועקגיין צום באַלעבאָס. מוישע־לייב האָט דאָס אויסגעהערט שווײַגנדיקערהייט. ער האָט נאָר געטראַכט, וואָס וועט אים מאָרגן זאָגן דער באַלעבאָס.

— מיילע, אָפּשמײַסן וועט ער דאָך מיך נישט, טראַכט ער.

אין שטוב איז געוועזן ריין און ליכטיק. כאַנע האָט זיך איבערגעטאָן יאָנטעוודיק און איר פּאָנעם איז יינגער געוואָרן. זי האָט אויך די פיר קינדערלעך אויסגעוואַשן און צוגעקליבן, ווי זי האָט נאָר געקענט, פאַרנייענדיק פאַרנאַכט די לעכער און ריסן אין זייערע בעגאָדימלעך. זי האָט זיך געבעריעט, געוואָלט באַצאָלן דעם מאַן פאַר איר ניצאָכן.

נאָר זיי האָבן נאָך קיין צײַט נישט געהאַט אראָפּצושלינגען

די ערשטע האמויצע[10] איז געקומען דעם באלעבאָס קלענערער זון, א ייִנגל פון א יאָר פערצן.

— זע, ער האָט זיך גאָר אוועקגעזעצט עסן! האָט ער אויס־געשריִען, — דער טאטע האָט געהייסן שוין קומען!

ער איז צוגעגאנגען און האָט אָנגענומען מוישע־לייבן פארן ארבל. מוישע־לייב האָט געשמייכלט און האָט געקוקט אפן ווייַב, כאנע האָט געוואָרפן ברוגעזדיקע בליקן אפן ייִנגל.

— קום, נו קום! האָט יענער געשלעפּט מוישע־לייבן.

— וואָס „קום, נו קום!“ האָט כאנע בייז געשריִען, — אירט זיך באגיין אָן אים אויך, אָן אים איז בא אייַך די סימכע קיין סימכע ניט?

— נו קום, נו קום! האָט זיך געראָדעט זייַנס דאָס ייִנגל און געצויגן מוישע־לייבן, — דער טאטע האָט אָן דיר נישט געהייסן קומען.

— איך וועל אָפּעסן די סודע וועל איך קומען, האָט מוישע־לייב געזאָגט מיט א שמייכל, קוקנדיק אפן ווייַב.

— א האָר אויך נישט! האָט יענע אויסגעשריִען, — בא אונדז איז אויך פורעם! ער דארף קיין ערטער ניט זוכן, ווו צו מעסא־מייען זיין! דו וועסט גאָרנישט אָנהייבן צו גיין, האָט זי געשיפּעט צום מאן.

— נו גיכער, הייב זיך! קום! האָט אים דאָס ייִנגל גע־שלעפּט, דורכלאָזנדיק פארבייַ די אויערן כאנעס רייד.

— אז איך האָב געזאָגט, ער וועט נישט גיין, האָט איר נישט וואָס צו שלעפּן! האָט זי אויסגעשריִען, אופשפּרינגענדיק און אראָפּ־לאָזנדיק זיך צוריק אפן שטול.

— אָן דיר וועל איך נישט אוועקגיין, האָט געטייַנעט דאָס ייִנגל, — קום נו, מע דארף זיך גאָר בעטן בא אים!

מוישע־לייב האָט נאָר געקוקט אפ זייַן ווייַב. דאָס ייִנגל האָט דערווייַל אופגעזוכט מוישע־לייבס מאנטל און דערלאנגט אים מוישע־לייבן.

— ווייסט גאָר וואָס, כאנע, איך וועל איצט גיין און וועל באלד קומען, האָט ער געזאָגט צום ווייַב.

— דריי מיר קיין קאָפּ ניט! האָט זי אויסגעשריִען, פאנאנ־

דערפירנדיק די הענט. ער וועט באַלד קומען! נאָך וואָס ווערסטו זאָגן!? אפילו אפ א מינוט וועסטו אויך ניט גיין!

דערוויל זײַנען אונטערגעקומען פון באָלעבאָס צווי באָכערים, מעשאָרסים פון זיין קראָם.

— וואָס לאָזטו זיך אזוי לאַנג בעטן? האָט איינער אויסגעשריִען.

— וועסט ערגער מאכן, האָט דער באָלעבאָס געזאָגט! האָט צוגעגעבן דער צווייטער מעשאָרעס.

— די פלוינעסטע לאָזט נישט, האָט מוישע־לייב געשמייכלט.

— ער וועט נישט גיין! ער איז נישט קיין פארקויפטער! האָט כאנע אויסגעשריִען, אופשפרינגענדיק פון שטול. ער וועט נישט גיין! לאָז ער נישט סטראשען! ערגער מאכן! מע נעמט בא אים קיין נעדאָוועס ניט! נישטאָ! איך וועל נישט לאָזן! ער וועט נישט גיין! האָט זי זיך גאָר אפ די הויכע טענער צעשריִען, דערזעענדיק ווי די מעשאָרסים האָבן גענומען הייבן מוישע־לייבן מיט גוואלד פון אָרט. זי האָט זיך א וואָרפ געטאָן צו זיי.

— ע, מיר לאכן פון דעם! האָבן זיי געענטפערט, אָפשטופנדיק כאנען. זיי האָבן גענומען מוישע־לייבן אונטער די הענט און ארויסגעפירט אים פון שטוב. ער האָט נאָר געשמייכלט...

* * *

כאנע איז געבליבן מיט די קינדער. דער קאס האָט אין איר געברענט, זי האָט · עפעס נישט געוווסט וואָס זאָל זי טאָן, פײַערדיקע בליקן האָט זי געוואָרפן אין אלע זײַטן. זי האָט בייז אָפגערוקט אלע שטולן פון טיש, פארבײַגייענדיק האָט זי אראָפגעוואָרפן א טעלער און צעבראָכן. דאָס האָט זי נאָך מער צערייצט.

— א בראָך זאָל שוין זײַן צו זײַנע יאָרן! האָט זי אויסגעשריִען. אונטערברעכן זאָל ער זיך דעם קאָפ!.. אי, מײַן לעבן! האָט זי פלוצלינג א קוויטש געטאָן און געגעבן זיך מיטביידע פויסטן אין קאָפ.

די פיר קליינע קינדער האָבן זיך דערשראָקן און צעוויינט.

— וויינען זאָלט איר שוין נאָך אײַער טאטן! האָט זי זיך ארופגעוואָרפן אפ זיי, — שטום זאָלט איר מיר ווערן! האָט זי געקוויטשעט און אָנגעהויבן שלאָגן אפ רעכטס און לינקס.

די קינדער זײַנען צעלאָפֿן פֿון טיש און באהאַלטן זיך אין די ווינקעלעך.

— מײַן ביטער הארץ וועל איך אויסלאָזן צו אײַער קאָפּ, צו אײַער לײַב און לעבן, צו אײַערע הענט און פֿיס! האָט זי געברילט

זי האָט זיך שווער אראָפּגעלאָזן אפֿן האַלצענעם זיץ־בעטל און מיט א ווילדן קוק געקוקט ארום זיך. עס האָט זיך איר עפּעס געוואָלט טאָן — דאָס הארץ — איז איר שיר נישט ארויסגעשפּרונגען.

— אהיים זאָל ער מיר שוין נישט דערוועגן קומען! האָט זי געשריִען, גלײַך עמעצער וואָלט זי געהערט, — דעם קאָפּ וועל איך אים צעשפּאַלטן! מיט פּאָמויעס וועל איך אים אָפּגיסן! זאָל ער גאָר נישט דערלעבן קומען אהיים!..

זי האָט זיך צערעדט און צעשאָלטן. פּלוצלינג פֿאַלט איר אײַן פֿון אַלץ מאכן א טעל, עס זאָל פֿון גאָרנישט בלײַבן קיין אסאָרעד אופּאַלעט.[11]

זי איז אופגעשפּרונגען מיט א שווישטשעדײַ פֿון אָרט און א לאָז געטאָן זיך צום אויוון. נאָר אין דער מינוט האָט זיך די טיר געעפֿנט און עס זײַנען ארײַן זאלמען פֿאמינע, מענדל קאָסוי, כאַים דער גרינער מיט ווײַב און קינד.

— גוט יאָנטעוו! וואָס טוט זיך דאָ? האָט געפֿרעגט זאלמען, ארומקוקנדיק זיך, — ווּעמען באוויינט מען דאָ?

— זאָל מען שוין אים טאקע אפּאנעמעס באוויינען, האָט כאנע געענטפֿערט, אָפּווישנדיק די טרערן מיטן פֿארטעך, — יעסוימים זאָלן זיי בלײַבן!

— ער איז טאקע אוועקגעגאנגען? — האָט געפֿרעגט כאַים דער גרינער.

דאָס איז געווען נאָך נאפֿט צו דעם פֿײַער — און כאנע האָט אופגעעפֿנט דאָס מויל און געשאָטן מיט קלאָלעס...

די מאנסבלען מיט די ווײַבער האָבן זי גענומען אײַנהאַלטן.

— באַרויִק זיך, כאנע, האָבן זיי גערעדט, — מיר וועלן אויסקר־מען אָן אים.

— זעצ זיך, מיר וועלן פֿארברענגען! האָט איר גערעדט זאל־מען, — איך קאָן אײַך רעדן ווי א מאכאשייפֿע.[12]

— גיין, האָט כאנע אויסגעשריִען, — א טויטן וועל איך אים

ברענגענ אהער. זי האָט געכאַפּט א פּאַטשיילע און פּייַף פון בויגנ ארויסגעלאָפּנ פון טיר.

— פּראָים, ווארע פּראָים [13] האָט מענ איר נאָכגעשיקט.

— און וואָס מיינט איר, זי איז דענ ניט גערעכט? האָט געפרעגט איינ פרוי.

— גערעכט, ווי דער טאָג! האָבנ די מאנסבלענ געענטפערט.

— אז דער באַלעבאָס וואָלט בא מיר אופגעלאָפּנ ווערנ, וואָלט איכ נישט געגאנגענ — האָט כאַים געזאָגט.

— ווי הייסט, און איכ וואָלט געגאנגענ? האָב מענדל אונטערגעכאַפּט.

— ער איז א שטיק גאָרנישט, דער מוישע־לייב.

— א באַר, א פערד!

— א ווארע בעהיימע!

* * *

און כאנע איז געלאָפּנ אינ איינ אימפּעט, אינ איינ אָטעם. זי האָט געברענט אינ איינ פייַער און האָט געפילט אינ זיכ א מעשוגעדיקנ קויעכ.

זי האָט א שטארקנ ריס געטאָנ דאָס גלעקל פון טיר, האָט זיכ גאָרנישט דערשראָקנ פאר דעמ ראש, וואָס זי האָט אָנגעמאכט, און ארויסגערעדט נאָכ א שארפע קלאָלע. פון שטוב האָט זיכ געהערט א שנעל לויפנ. עמעצ האָט אופגעעפנט די טיר און, דערזעענדיק זי, געלאָזט זיכ לויפנ צוריק. כאנע האָט געהערט, ווי אינ זאל האָט עמעצ אויסגעשריענ איילנדיק: „מוישע־לייב, דאָס ווייַב איז געקומענ!".

אז זי איז צו צום זאל, האָט מענ איר מעקאבל פּאָנעמ [14] געוועזנ און פארשטעלט די טיר. זי האָט ארייַנגעקוקט אינ זאל, נאָר מוישע־לייבנ האָט זי ניט געזענ.

— ווו איז ער, ווו? האָט זי געשריענ, — זאל ער בעסער מיט גוטנ אהיימ גייענ!

— נישטאָ אימ, ער איז אוועקגעגאנגענ, האָט מענ איר געענטפערט.

— איכ וועל פונדאנענ ניט אָפּטרעטנ, האָט זי שוינ געשריענ מיט טרערנ.

— מ'ע זאָגט דאָך אײַך, אַז ז׳ איז שוין אװעקגעגאַנגען! א ייִדענע א ביסל.

מע האָט זי אַרײַנגעלאָזן אין זאַל. זי האָט זיך אַרומגעקוקט און מוישע־לייבן ניט געזען.

— זאָלסט מיר שוין אַהיים גיין! האָט זי געיאָמערט, קוקנדיק אַרום זיך.

קיינער האָט זיך ניט אָפּגערופן.

— זאָלסט אופהערן צו שפּילן זיך מיט מיר! האָט זי געשריִען.

— מיאַ־אַו! האָט זיך דערהערט א קאָל פון הינטער א טיר.

דער אוילעם האָט זיך צעלאַכט.

— „מיאַקען" זאָלסטו שוין דעם לעצטן מאָל! האָט זי אויסגע־שריִען און געוואָרפן זיך אַף דעם קאָל.

— א בריס! א פּשיק! האָט מען אַף איר געמאַכט פון אַלע זײַטן און פאַרשטעלט דעם וועג.

נאָר מוישע־לייב איז אַרויסגעקראָכן פון זײַן אָרט. ער איז שוין געווען א ביסל פריילעכער, האָט פאַרלייגט א ליפּ אַף א ליפּ און אַרופגעלייגט די האַנט אַפן באַק ווי אַן אַלטע ייִדענע. דער אוילעם האָט זיך געקייקלט פאַר געלעכטער.

— שוין זאָלסטו מיר גיין אַהיים! האָט זיך כאַנע אַף אים אַרופגעוואָרפן.

— א וואַרע, א וואַרע! האָט ער געלעפּעציעט ווי אַן אַלטע ייִדענע אָן ציין און געשאָקלט מיטן קאָפּ.

מיט כאַנען האָט זיך אָנגעהויבן א היסטעריקע. זי האָט זיך צעלאַכט און צעוויינט, געוואָרפן זיך אַף דער ערד און געריסן פון זיך די האָר.

אַלע זײַנען אָפּהענטיק געוואָרן. מוישע־לייב האָט זיך אין איין מינוט אויסגעניכטערט און גענומען זי באַרויִקן.

ער האָט אַזש גאָר געוויינט.

אַז כאַנע איז געקומען צו זיך, האָט ער זי גענומען אונטערן האַנט און געפירט אַהיים מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. ער האָט זיך געפילט פאַר א שטאַרקן כויטע.[16]

— סאַראַ שטיק זי האָט דאָס א ביסל געמאַכט! דעם מאַן האָט מען בײַ איר צוגענומען! האָט עמעץ אַרויסגערעדט, ווען כאַנע איז געווען נעבן טיר.

כאנע האָט זיך אויסגעגלייכט. דאָס בלוט האָט אין איר געקאָכט און זי האָט געוואָלט אויסגיסן צו אלעמען אין שטוב איר ביטער הארץ. זי האָט זיי געוואָלט זאָגן עפּעס א שארפס, הארב וואָרט— א וואָרט, וואָס זאָל אָננעמען בא דער זיבעטער ריפּ, וואָס זאָל שטעכן, ווי מיט שפּיזן. זי האָט זיי אלעמען געוואָלט ווינטשן, אז זיי זאָלן ארבעטן אפ פרעמדע ווערקשטאטן, זיין „יענעמס א מענטש", נאָר זי האָט זיך איינגעהאלטן. זי האָט נאָר נישט געלאָזט מוישע־לייבן פארמאכן די טיר, זי האָט זי אליין צוגעמאכט מיט א שטארקן קלאפּ.

קראנק, צעבראָכן, פארוויינט האָט זיך כאנע געשלעפּט אהיים, אָבער דאָך האָט זי זיך געפילט באפרידיקט.

אירס האָט—זי פאָרט אויסגעפירט.

1895 יאָר

דאָך אמאָל געוויינט

א לוסטיקער קאפּצן איז בערל דער טרעגער. זיין דירע איז אין א קעלער. די צוויי קליינע פענצטער ליגן אונטערן ברוק פון הויף, די שויבן זיינען גרוי און קויטיק און לאָזן קוים דורך די שיַין פון די זונענשטראַלן, וועלכע פארגאנווענען זיך אמאָל ביז זיינע פענצטער, פון די ווענט רינט, און אין די ווינקעלעך בלישטשעט, פינקלט דער שימל.

בא דער וואנט, צווישן די פענצטער, שטייט א טיש. צוויי פיס האָט ער אייגענע, די אנדערע פארטרעטן צוויי שײַטלעך האָלץ, וועלכע פארשווינדן גאנץ אָפט, ווען עס איז ניטאָ מיט וואָס צו הייצן. דעמלט רוקט מען צו דעם טיש הארט צו דער וואנט, און ער שטייט, ווי בערל זאָגט, „מיט גאָטס הילף״...

דריַי ווײַסע שטולן זיינען דאָ אין שטוב, נאָר אלע אָן ווענט־לעך. קוים איז א ווענטל אָפּגעפאלן, האָט בערל געוואָלט עס צו־שלאָגן צוריק. נאָר ער האָט זיך אזוי לאנג געקליבן, ביז די ביידע שײַטן האָלץ, וואָס שפארן אונטער דעם טיש, זיינען פארברענט גע־וואָרן, און קיין האָלץ צו הייצן איז נאָך אלץ ניט געווען. דעמלט האָט בערל אָנגעצויגן א זייער ערנסטע מינע און ארויסגעבראכט אזא מין פילאָסאָפישן שלוס: זיצן קאָן מען אף א שטול אָן א ווענטל. און קארטאָפליעס מוז מען קאָכן. און ער האָט אָפּגעזאָגט מיט אן ערעוו־פייסעכדיקן טאָן „קאָל כאמירע״, [16] און דאָס ווענטל איז אריַין אין אויוון צוזאמען מיט אנדערע ברעטלעך און שפענער, וועלכע בערל מיט זיינע „יעלאָדים״ [17] האָבן אָנגעקליבן אין גאס.

אין צימער זיינען דאָ נאָך צוויי בעטן. אף זיי ליגן שמאטעס, וועלכע בערל רופט „קישן און קאָלדרעס״, און אונטער־זיי און לעם זיי שטייען קעסטלעך מיט אנדערע שמאטעס, און בערל זאָגט מיט

שטאָלץ, אַז דאָס זיינען העמדער, טישטעכער און נאָך אזעלכע וויכ־טיקע באַלעבאַטישקייטן.

נאָר בערל זאָרגט ניט. ער לאַכט נאָר.

— וואָס דאַרף איך, וואָס? איך דאַרף גאָרניט! אבי געלעבט!

פיר קינדערלעך האָט ער: צוויי שלאָפן אין איין בעט מיט אים, און צוויי מיט דער מוטער צוזאַמען. אָבער ער שרעקט זיך נישט פאַר מער.

— קינדער, — זאָגט ער, — זיינען א נאַכעס. זיי דאַרפן אסאך, עמעס... נאָר פאַר דאָס, אַז איך קום אהיים, איז דאָ מיט וועמען א שפּיל צו טאָן, צו נאַריש מאַכן זיך א ביסל. א פאַרגעניגן — א כעוורע!

פון זיין באַשעווזג איז ער גראָד ניט צופרידן. ער קאָן ניט ליידן, וואָס זי וואָלט אַלץ געקלאָגט און געיאָמערט.

— עט! — מאַכט ער, — מיין ווייבל טויג שוין צו גאָרניט... א קלאָגמוטער געוואָרן! זי וואָלט וועלן, איך וויס וואָס... א קאָנטראַקט האָט זי פון גאָט! ער איז איר מעכוייעוו צו געבן! מאַלע וואָס! וויל זיין ווי ראָטשילד!

קוים הייבט זיך טרערן אין אירע אויגן, שטעלט ער זיך קעגן איר, האַלטנדיק די רעכטע האַנט אַף דער באַק און, אונטערהאַלטנדיק די רעכטע מיט דער לינקער, מאַכט ער א ווייטיקדיקן פּאָנעם און שאָקלט צו מיטן קאָפּ.

— דיר לאַכט זיך אַלץ! — בייזערט זיך באַשעווע.

— איך וויין דאָך גאָר, — ענטפערט ער מיט א וויינענדיק קאָל.

— זאָל מען שוין וויינען נאָך דיר, שטאַרקער פאָטער, — זאָגט זי אָפּ איר פּאָסעק און דרייט זיך אוועק פון אים מיט האַרץ.

נאָר בערל באַליידיקט זיך ניט. וואָס אַרט אים א קלאָלע? עס דאַכט זיך אים, אַז אָן „דעם" וואָלט זיך גאָרניט אַזוי פריילעך געלעבט.

בייז ווערט ער בלויז, ווען זי הייבט אָן זיך אַליין צו שעלטן.

— ריבוינעשעלוילעם! — שרייט זי אַמאָל אויס, ווען עס איז נישטאָ וואָס צו עסן און דאָ איז נאָך א קינד קראַנק — און דאָס קומט ניט זעלטן פאַר. — ריבוינעשעלוילעם, נעם מיך צו פון דער וועלט! לייז מיך שוין אויס פון מיינע ביטערע און פינצטערע לעבן!

איר קאָל ציטערט. זי ווינטשט עס זיך מיט האַרץ און ערנסט. זי

וואָלט זיך איצט ניט דערשראָקן פאַרן טויט. בערל פילט עס, און עס כאַפּט אים אָן „פאַר דער זיבעטער ריפּ". ער ווערט אָנגעצונדן, „מאָלע רעציכע"[18] און הייבט זי אָן צו שעלטן.

— אוי, אָפּדאַרן זאָל דיר די צונג! — ער שפּייַט נאָך אויס מיט הארץ.

זי ווערט שטיל און גיסט מיט טרערן, און ער וואַרפט אויף איר בייזע בליקן.

— און וואָס האָסטו פון וויינען, וואָלט איך וועלן וויסן? פערד!

אים דאַכט זיך, אַז אַ מענטש דאַרף קיינמאָל ניט וויינען — סיידן עס מאַכט זיך, זאָל גאָט אויסהיטן, אַז עמעצער שטאַרבט. נאָר איינמאָל...

איינמאָל אין אַן אָוונט האָט זיך בערל צעשפּילט מיט די קינדער, אַזוי געראַנגלט זיך און איבערגעקערט אַ וועלט, אַז ער איז אַראָפּגעפאַלן אויף זיין בעט, און זיין בעט איז צעשאָטן געוואָרן אויף שטיקלעך.

ער האָט זיך אויפגעהויבן פון דעם חורבן מיט אַ געלעכטער.

— באָרוך דייַען עמעס! וואַרט, קינדער, מיר וועלן מאַכן אַ העספּעד.

ער בייגט זיך אייַן ווי דער הויקערדיקער שטאָט־מאַגיד און וויל אָנהייבן עפּעס צו זאָגן. אָבער באַשעווע איז שוין געקומען צו זיך פון דער שרעקלעכער איבעראַשונג, האָט זיך געכאַפּט פאַרן קאָפּ און צעלאָזן זיך מיט אַ געוויין.

— אוי, איך קאָן שוין דאָס ניט איבערטראָגן, איך וועל מיר אַ מייַסע אָנטאָן!

— שאַ, לאָז רײדן! — וויל זי בערל באַרויִקן, נאָר זי יאָמערט אירס:

— ווי ווער איך שוין פּאָטער פון מייַן פינצטערן לעבן, ריבויי־נעשעלוילעם! טאָמער איז געווען די פּאָר בעטלעך אין שטוב, איז שוין דאָס אויך ניטאָ!

בערל ווערט שוין אין קאַס.

— בעהיימע! פערד! וואָס טו איך מיט דיר?!.. הערסט אַ קלאָג אַ ביסל? דאָס בעטל איז צעבראָכן געוואָרן! בעהיימע! האָט זיך צערעוועט!

— רעווען זאָל מען שוין נאָך דײַן קאָפּ! — וואַרפֿט זי זיך אָפּ אים ארופּ.—איך וואָלט פֿון דיר פּאָטער ווערן, וואָלט מיר שוין ווערן א ליכט אין די אויגן. אז ווו די גיסט זיך א קער, איז מײַן אומ־גליק, מאלכאמאָוועס מײַנער!

— כע, כע, כע! — לאַכט ער שוין צודיק מיט גוטן. — ניין, זאָג אינדערעמעסן: מא ראש?״, וואָס קערסטו אזוי די וועלט? דאָס בעט צעבראָכן; איַ, ווײַ, א שרעק! דער הימל לייגט זיך גאָר אָפּ דר׳ערד... און איך זאָג, אז וואָס עס האָט געזאָלט אויסגיין צו איי־נעם פֿון אונדז, האָט זיך גאָר אויסגעלאָזן צום בעט. אוי, אוי, בע־היימע! אוי, אוי, פּערד!

ער רעדט, און זי ווישט זיך די טרערן מיטן פֿארטעך און באַ־קלערט, וואָס עס שטייט זיי איצט פֿאָר. קיין שיך, ווען מען די קינדער שוין נישט מאכן. פֿאר דאָס ערשטע געלט וועט מען קויפֿן אָדער עפּשער נאָך פֿאריכטן דאָס בעט. דערווײַלע וועט זי מיט די צוויי מיידלעך שלאָפֿן אָפּ דער ערד, און ער,—דאָס שטיק אומגליק!— וועט שלאָפֿן מיט די יינגלעך אין דעם איבערגעבליבענעם בעט. און אז ער ענדיקט זײַנע רייד, זאָגט זי מיט ביטערקייט און טרערן:

— האָסט דאָך בעטלעך זייער א פֿולע! גיי, אָ, וואלגער זיך אָפּ דער פּאָדלאָגע אין קויט און אין נאַסקייט, וועסט וויסן ווי צו לאכן— לאכן זאָלסטו שוין צום לעצטן מאָל!

זי וואַרפֿט אָפּ אים א בייזן קוק. ער לאַכט.

— כא, כא, כא, א קלייניקייט! בערל דער טרעגער וועט שלאָפֿן אָפּ דער פּאָדלאָגע; קענסט ניט דעם גרויסן פּאָרעץ?—הײַדא, קינדער, שלעפּט דעם סעניק!—קאָמאנדירט ער צו די יינגלעך.

— נישט דערהארגן וועסטו, איך זאָל דיך לאָזן שלאָפֿן אָפּ דער פּאָדלאָגע! — שפּרינגט זי פּלוצעם אוף און פֿארשטעלט מיט זיך דעם סעניק.

בערל קוקט זי אָן פֿארוווּנדערט:

— וואָס ביסטו, מעשוגע, צי כאָסערדייע?

— אז דו וועסט שטארבן, וועסטו ליגן אָפּ דר׳ערד, ניט איצ־טער,—ענטפֿערט זי, און בערל ווערט שוין שטרענג:

— מאך ניט קיין קונצן, באשעווע, און לאָז שלאָפֿן!—ער שטרעקט אויס די האַנט נאָכן סעניק.

— אין בעט ליג זיך און שטיי ניט אוף!

— איך שלאָף ניט אין קיין וויַבערשן בעט, — ווילצט ער. — גיי שוין, גיי, לאָז מיך שלאָפן!

ער נעמט אָן דעם סעניק.

— איך האָב געזאָגט ניין — איז ניין! — שריַיט אויס באַשעווע און כאַפּט ארום דעם סעניק מיט ביידע הענט.

— לייג איך מיך אָן דעם סעניק, — לאַכט ער און ציט אַראָפּ פון זיך דעם פעלץ.

— איך וועל דיר געבן אַ „לייגן זיך", אַז דו וועסט ניט וויסן, פונוואַנען דיר איז געקומען! — צעשריַיט זיך באַשעווע און שפּרינגט צו אים צו מיט די נעגל.

אַ רויטקייַט איז איר אַרויס אָפּ די באַקן, די אויגן ברענען. בערל קריגט היספּיילעס. גאָר די יונגע באַשעווע! אין האַרצן ווערט אים אַזוי וואַרעם, און אַ זיסער שמייכל צעגיסט זיך איבער זיין געזיכט.

— אָ, מיַין שיינע וויַבל! — רופט ער אויס און וויל זי אַרומנעמען, נאָר זי שטופּט אים אָפּ מיט כּעס.

— טרעט אָפּ פון מיר בעסער מיט גוטן, אַז ניט וועל איך דיר געבן אין קאָפּ מיט וואָס איך וועל טרעפן!

זי האָט זיך אָפּגעקערט פון אים און גענומען אויסבעטן אים דאָס בעט. ער באַנוצט די מינוט, כאַפּט דעם סעניק, שלײַדערט אים אָפּ דער ערד באַם אויוון און וואַרפט זיך אָפּ אים אַרויף.

— הײַדאַ, קינדער, — קאָמאַנדירט ער, — שלאָפן קומט!

ביַיז שריַיט אויף באַשעווע מיט אַ ביטערן געשריי:

— אין בעט זאָלסטו גיין!

— מאָרגן!

— הער מיך אויף צו פּויקן, צעפּויקט זאָלסטו ווערן! — שריַיט זי נאָך ביטערער.

ער לאַכט.

— גייט אין בעט, הערסט, וואָס איך זאָג דיר?!

— אַר־הום!

עס כאַפּט זי אָן אַ ווילדער כּעס, דאָס בלוט קאָכט אין איר, און פּלוצעם הייבט זי אָן צו זעצן מיט די פיס אין דער איבערגעבליבענער בעט:

— נאַ! נאַ! נאַ!

דאָס בעט צעפּאַלט און צעשיט זיך.

בערל מיט די קינדער שפּרינגען אויף דערשראָקן, און זי, גאַנץ אויסער זיך, הערט ניט אויף צו זעצן מיט אַלע קויכעס אין די שטיקלעך פון בעט.

— נאַ! נאַ! נאַ!

בערל וויל זי איינהאַלטן, באַרויִקן און כאַפּט זי אַרום פעסט:

— זע, ביסט מעשוגע געוואָרן?

זי רייסט זיך פון אים. עס דריקט איר דאָס האַרץ, אין קאָפּ ברענט איר און עס ווילט זיך איר ברעכן, ברעכן, ברעכן... נאָר ער האַלט זי שטאַרק, וויל זי אים בייסן.

— באַשעווע, זע, באַשעווע,—שטאַמלט ער מיט שרעק, אָפּווערנדיק זיך פון אירע ציין.

עס געלינגט אים אוועקצוזעצן זי אויף א שטול. באַשעווע הייבט אָן צו קומען צו זיך און צעוויינט זיך. די קינדער העלפן איר וויינען פאַר שרעק.

בערל האָט זיך פאַרלאָרן. טרויעריק שטייט ער קעגן באַשעוועס און לאָזט פון איר קיין אויג ניט אַראָפּ.

— באַשעווינקע! באַשעווינקע, הער אויף, איך בעט דיך, צו וויינען.

זיין קאָל ציטערט.

— באַשעווינקע!—בעט ער נאָך ווייכער. עס ווערט אים וווּנדערלעך ווייך באַם האַרצן, אין האַלדז הייבט אים אָן צו שטיקן און —

דעמאָלט האָט בערל אויך געוויינט.

.1894

באַים מעשאָרעס

עס איז געווען איינע פון יענע ווינטער־נעכט, ווען דער אָרע־מאַן ווערט באַ זיך שטאַרקער און הייבט אָן מיט מער אַזעס צו ריידן מיטן „סוימעך דאַלים״ [20] און מאָנען באַ אים היסכייוועס.

דער פראָסט קנאַקט, ברענט. אַ שטאַרקער ווינט בלאָזט און הייבט אויף פון דער ערד אַ שנייענעם שטויב, טראָגט און דרייט אים אין דער לופט און שמייסט די דורכגייער אין פּאָנעם אַריין. עס פאַרכאַפּט באַ זיי דער אָטעם; דער שניי־שטויב שניידט שרעקלעך אין געזיכט.

אינדערלופטן טראָגן זיך אַרום טויזנטער קלאָלעס דעם ווינט און דעם וועטער, און דער ווינט ענטפערט אַף זיי מיט נאָך אַ העכערן פייפן און וויען, מיט נאָך אַ גרעסערן שטויב.

די גאַסן ווערן ליידיק; אַלע איילן צו באַהאַלטן זיך פאַר דעם שרעקלעכן וועטער. „אַשריי יוישוויי בייסעכאָ״! [21] — וויצלען זיך די באַלעבאַטים פון וואַרעמע און ליכטיקע שטיבער און שמייכלען אונ־טער, ווי זיי וואָלטן געזאָגט אַ גרויסע כאָכמע.

„דער ווינט וועט גלאַט ניט אַראָפּ״, זאָגן אָרעם און רייַך: די רייַכע—מיט אַ מינע פון געלערנטע לועך־מאַכער [22], און די איינ־ווינער פון פינצטערע, קאַלטע און נאַסע דירעס — מיט שרעק. דער אָרעמאַן וואַרפט אַן אומרויִקן בליק אַף די ציטערנדיקע שויבן און ראַמען און דערנאָך אַף דעם קופּקעלע קליינע נעפּאַשעס, וואָס האָבן זיך צונויפגעדריקט אין אַ ווינקל און פאַרקרימען די פּענעמלעך פאַר קעלט און אַנגסט באַ יעדן פייַפ פון ווינט.

איינגעוויקלט אין אַ צעריסענעם טוך מיט דער מאַמעס גרויסע שיך אַף די פיס, איז געלאָפן אַ מיידעלע פון אַ יאָר צען—עלף איבער דער גאַס. דער ווינט פלעג זי אַלע ווייַלע אָפּשטעלן. דאָ האָט ער זיך אַרייַנגעכאַפּט אונטער דעם טוך, אָנגעבלאָזן עס ווי אַ זעגל

און געריסנ בא איר פונ קאָפּ; דאָ האָט ער איר פארשאָטנ די אויגנ מיט שנײַדיקנ טרוקענעמ שניי, דאָ האָט ער זיכ ארײַנגעיאָגט צו איר אינ מויל ארײַנ, און עס פארפעלט איר אָטעמ. זי האָט געמוזט אלע ווײלע אָפּשטעלנ זיכ, מאכנ צורעכט דאָס טוכ, אויסרײַבנ די אויגנ, אָדער אויסדרייענ זיכ און כאפּנ דעמ אָטעמ מיט א קרעכצ, אינ וועלכנ עס האָט זיכ געהערט: „גוואלד, וואָס וויל ער פונ מיר?!..“

דאָכ הערט זי ניט שטארק די קעלט. איר קעפּל איז ווייער פאר-נומענ מיט איר שליכעס: זי לויפט רופנ איר טאטנ אהיימ, ווײַל דער מאמענ איז עפּעס ניט גוט.

קימאט א דערפראָרענע איז זי ארײַנגעלאָפנ אינ גרינפעלדס אײַזנ-קראָמ, ווו איר טאטע כאימ איז געווענ א מעשאָרעס.

— זע, אינ אזא וועטער! — האָט כאימ דערשראָקנ אויסגעשריענ. איר האָט אָנגעכאפּט באמ הארצנ: זי האָט זיכ צעוויינט.

— קומ אהיימ, דער מאמענ איז ניט גוט!

כאימ איז בלייכ געוואָרנ.

— איכ גיי שוינ, איכ גיי! — האָט ער געזאָגט. — לויפ אהיימ, ריווקעלע!

— זאָלסט שוינ קומענ, הערסט! — האָט אימ ריווקעלע אָנגעזאָגט און איז ניט ווילנדיק אוועקגעגאנגענ.

— איכ קומ שוינ, איכ קומ שוינ, — האָט ער געשטאמלט, בא-גלייטנדיק זי ביז דער טיר.

ער האָט זי ניט פארהאלטנ, זי זאָל זיכ אָנוואָרעמענ, ווײַל ער ווייס, אז מע דארפ זי נייטיק אינדערהיימ. ער ווייס, וואָס דאָרטנ טוט זיכ. נאָכ אינדערפרי האָט אימ דאָס ווײַב אָנגעזאָגט, אז הײַנט פילט זי זיכ זייער שלעכט, און ער זאָל זענ קומענ וואָס פריער אהיימ, וואָרעמ מאלע וואָס מע דארפ. די באָבע לייע, וואָס איז די לעצטע טעג קימאט פונ זיינ שטוב ניט ארויס, האָט אימ אויכ דאָס זעלבע אָנגעזאָגט. דעמ גאנצנ טאָג איז ער געשפּאַנענ, ווי אפ הייסע קוילנ; אינאָווענט איז ער נאָכ אומרויִקער געוואָרנ. מײַסע טאָטנ [23] איז דער אונטער-מעשאָרעס אוועקגעגאנגענ און זאמט זיכ שוינ עט-לעכע שאָ, און דער באלעבאָס איז שטארק פארנומענ מיט דעמ בא-לאנס, ווי פאר א באנקראָט. ער האָט זיכ פארמאכט פונ אינדערפרי

אין צווייטן צימער, אין קאָנטאָרקע, און מע קאָן מיט אים א וואָרט ניט ריידן.

איצט איז ער דאָך צוגעגאַנגען צו דער קאָנטאָרקע, האָט צוגעלייגט אַן אויער צו דער טיר, נאָר ער האָט גאָרניט געהערט. ער איז געבליבן א ווײַלע שטיין, ניט דערוועגנדיק זיך אופצועפענען די טיר; זיין פּאָנעם האָט זיך פארקרימט פאר צאַר. ענדלעך האָט ער זיך אײַנגעשטעלט און אופגעעפנט א קליינע שפּארע. דער באַלעבאָס, א הויכער, דיקער פינף און פופציקער, איז געזעסן אָנגעשפּארט אָן א ווענטל פון שטול און געריייכערט א ציגאַר.

כאיִמ האָט אַרײַנגעשפּארט דעם קאָפּ אין טיר און געמאַכט א ראַכמאָנעס־פּאָנעם.

— באַלעבאָס... הער גרינפעלד... — שטאַמלט ער מיט געבעט. — מײַן טאָכטער...

הער גרינפעלד האָט פארשטאַנען אין כאיִמס טאָן, אז עס גייט ניט וועגן געשעפט און איז געבליבן זיצן אין דער אייגענער פּאָזע, ניט א קער טוענדיק אפילע דעם קאָפּ אין כאיִמס זײַט. נאָר א טראַכט געטאָן: „וואָס וויל שוין די פּלאָגע?" א „צופּ" געטאָן דעם ציגאַר און אין בייגל אַרויסגעלאָזן דעם רויך.

כאיִמ האָט ווײַטער אָנגעהויבן צו שטאַמלען זײַן באַקאָשע, נאָר נאָך מיט א ציטערדיק קאָל.

— הער... הער גרינפעלד... מײַן טאָכטער... מײַן ווײַב...

גרינפעלד האָט זיך צוגערוקט צום טיש, אַרײַנגערוקט דעם קאָפּ אין דעם גרויסן בוכהאַלטערישן בוך, וואָס איז פאר אים געלעגן, און אָנגעקנייטשט דעם שטערן מיט א פארטראָגענער מינע.

כאיִמ האָט נאָכאַמאָל א מאַך געטאָן מיט די ליפּן און אָנגעהויבן צוצומאַכן די טיר, און גלײַך ווידער פאַנאַנדערגעעפנט, א קוק געטאָן מיט געבעט אפן באַלעבאָס, געוואָלט זאָגן עפּעס און... איז אַוועקגעגאַנגען פון טיר, לאָזנדיק זי האַלב אָפן. די לינקע באַק האָט אים עפּעס געפלאַמט, גלײַך עמעצ וואָלט אים געפּאַטשט; אין די אויערן האָבן אים געקלונגען אַלערליי זידלערײַ, כאָטש קיינער האָט אים איצט א וואָרט ניט געזאָגט...

ער האָט פארבראָכן די הענט, אז די פינגער האָבן געקנאַקט, די האָר האָבן זיך אים אופגעהויבן, און מיט גרויס שרעק האָט ער געקוקט אפן דער גאַס־טיר, אז אָט־אָט וועט זיך ווײַטער באַווײַזן די

האלב־נאקעטע ויוקעלע. ער איז עטלעכע מאָל צוגעגאנגען צו דער טיר פון קאָנטאָרקע, ביז דער באלעבאָס האָט זיך אופגעהויבן פון אָרט און צוגעמאכט די טיר; כאָטש האָט זיך גאָר פארלאָרן. דאָס פּאָנעם האָט זיך אים פון הארצווייטעק, פון יעסורים נאָך מער פארקרימט און איז געל געוואָרן.

א לאנגע, שרעקלעכע שאָ איז פארביי. די גאס־טיר האָט זיך געעפנט, און ריוועקעלע איז ארײַן. ער איז אָפּגעשטאָרבן, דערזעענדיק זי. עס האָט זיך אים עפּעס ווי אָפּגעריסן אין הארצן.

— איך גיי שוין... איך גיי שוין...—האָט ער ארויסגערעדט מיט שרעק, ניט ווארטנדיק ביז זי וועט אים עפּעס זאָגן.

— איך גיי שוין!—האָט זי אים איבערגעקרימט דורך טרערן— „איך גיי שוין"—און קומט נישט! די מאמע שרײַט מיט באנומענע קולעס, און מיך טרײַבט מען ארום!... איך האָב שוין אָפּגעפראָרן די פיס, האָב איך אָפּגעפראָרן!... קום אהיים, קום!—האָט זי נאָך שטארקער אויסגעשריִען. — וואָס קאָנסטו זיך ניט אָפּרײַסן, וואָס?!... קום אהיים, קום!..

דאָס הארץ איז אים פארגאָסן געוואָרן מיט בלוט.

— איך גיי גלײַך, איך גיי...—האָט ער געשטאמלט און א לאָז געטאָן זיך צו דער קאָנטאָרקע; ער האָט אופגעעפנט שוין פעסטער די טיר און גאנץ הויך ארויסגערעדט:

— באלעבאָס, מײַן ווײַב גייט צו קינד... איך מוז...

דער באלעבאָס האָט געבלעטערט דאָס גרויסע בוך. ער האָט א ווײַלע געשוויגן און דערנאָך שטיל און קאלטבלוטיק געענט־פערט:

— זי וועט גאנץ זיין.

ער האָט אָנגעקניײטשט דעם שטערן. אָפּגעשטעלט זיך אף א כעזשבן און דערבײַ געטראכט: ער דארף אויך קינדלען... דער שלימאזל! אזא מין צאָרע... — ער האָט איבערגעקערט א בלאט, — אזא מין שלאק!... א גרויסע זאך — דאָס ווײַב גייט צו קינד!... ווי דאָס איז א ביסל טײַער בא זיך!... ער זעט, דאכט זיך...

— מײַן טאָכטער איז שוין דאָ דאָס צווייטע מאָל, — האָט אים כאָטש שוין מיט א נידעריקן טאָן איבערגעריסן די מאכשאָוועס.

— הער, דול מיר ניט דעם קאָפּ! — האָט גרינפעלד בייז אויס־געשריִען, א קער טוענדיק צו אים דעם קאָפּ.

— עֶר זעט, דאכט זיך, ווי איך בין פֿארנומען! — האָט ער מיט כּאַס געטראכט, דרייענדיק צוריק דעם קאָפּ, און מיט בייזקייט א פֿיר געטאָן די אויגן אף דער קעגנוואנט, ווי איינער וואָלט דאָרט געזעסן און ער וואָלט אים געפֿרעגט: „וואָס זאָגט איר צו מיין מעשאָרע־סעס קאָפּ?"...

— זעט, באַלעבאָס... האָט כאַים אָנגעהויבן נאָך נידעריקער, מיט מער באַקאָשע.

— מאך צו די טיר, זאָג איך דיר! — האָט יענער אויסגעשריִען, איבערדרייענדיק זיך אפֿן שטול און אָנשטעלנדיק אף כאַימען די בייזע אויגן. כאַים האָט לאַנגזאַם צוריק צוגעמאכט די טיר.

— נו, ווען שוין גייסטו אמאָל? — האָט אים געפֿרעגט ריווקעלע, וואָס איז געשטאַנען די גאנצע צייט און געקוקט אף אים בייז און קרום.

— איך גיי, איך גיי... — האָט ער געשטאַמלט רויט ווערנדיק פֿאַר בושע פֿאַר דער קליינער טאָכטער.

— ווערסט דאָך! — האָט ער צוגעגעבן, ווייזנדיק מיטן קאָפּ און מיט דער האַנט אף דער פֿאַרמאַכטער קאָנטאָרקע.

— וואָס זאָל איך זען, וואָס? — האָט די קליינע בייז געשריִען, — קום אַהיים, קום!

— איך גיי שוין... איך גיי שוין... האָט ער קוים געזאָגט.

— טאָ קום! — האָט ריווקעלע אויסגעשריִען מיט האַרץ:

— שאַ, שריַי ניט אַזוי! — איז ער שוין בייז געוואָרן, דערמאָנענדיק זיך, אַז ער איז אַ טאַטע, און האָט זיך מיט שרעק אומגעקוקט אף דער טיר פֿון קאָנטאָרקע. — גיי! גיי!... שריַי דאָ ניט!...

— יאָ, איך האָב זייער מוירע פֿאַר דיַין באַלעבאָס! — האָט זיך די קליינע צעשריִען. — קום אַהיים! איך וועל אָן דיר ניט גיין!...

כאַים איז צוגעגאַנגען צו דער קאָנטאָרקע.

— ער דאַרף נאָך פֿרעגן באַ דעם באַלעבאָס! — קרימט זיך ריווקעלע. — מע נעמט און מע גייט!...

ער האָט געמאַכט מיטן פֿינגער, זי זאָל שוויַיגן.

— פּש, טיַיערע זאַכן?... — האָט זי זיך וויַיטער געקרימט. — איך האָב טאַקע אַזאַך מוירע פֿאַר אים...

— ששש! — האָט דער טאַטע שטרענג אַ מאַך געטון אף איר מיט דער האַנט.

— יאָ, אוודע! — האָט זי זיך ניט אופגעהערט צו קרימען. — קום אהיים, קום!...

כאָּים האָט ווײַטער אופגעעפנט די טיר.

— איך וועל גיין אהיים, באַלעבאָס.

דער באַלעבאָס האָט ניט געענטפערט, מאכנדיק א כעזשבן אונ אונטערווינגענדיק.

— איך מוז, דאָס ווײַב איז...

— מאך צו די טיר! — האָט דער באַלעבאָס שטרענג געענטפערט פונ בוך.

— איך מוז גיין אהיים! — האָט כאָּים שוינ אָנגעהויבנ מיט א בארויגעזדיקנ טאָנ. — דאָס ווײַב איז פאַרבײַ... איך מוז...

— מאך צו די טיר, זאָגט מענ דאָך דיר! — האָט גרינפעלד אויסגעשריִענ אונ אָנגעשטעלט אָפּ אים די אויגנ.

— איך מוז אהיים, מײַנ ווײַב... — איז כאָּים געשטאנענ זײַנס

— א, פאָדליִעצ אײנער, הונט אײנער!... — האָט זיך גרינפעלד צעשריִענ אופשפּריִנגענדיק פונ אָרט. — ארויס אינ אלדע רוכעס!... דײַנ פוס זאָל דאָ מער ניט זײַנ!... זאָלסט מער ניט וואגנ צו קומענ אינ קראָם!... פאָדליִעצ דו!...

כאָּים איז פאַר שרעק אָפּגעשפּרונגענ. ער האָט זיך א ביסל פאַרלאָרנ, נאָר גלײַך האָט ער זיך א לאָז געטונ צו דער גאַס־טיר אונ איז ארויסגעלאָפנ פונ קראָם.

ריווקעלע איז נאָך א ווײַלע איבערגעבליבנ אונ, האלטנדיק זיך פאַר דער טיר, האָט זי אויסגעשריִענ גרינפעלדנ, וואָס איז געשטאַנענ אינ טיר פונ קאָנטאָרקע, מיט אויסגעגלאָצטע אויגנ פאַר קאַס: „איר זײַט אלײנ א פאָדליִעצ! אלײנ א הונט! א בראַנד אײַך אינ אלע אײַערע בײנער!"

זי האָט אָפּ אים געוואָרפנ א פײַערדיקנ בליק אונ איז מיט ניצאָכנ ארויס פונ קראָם.

כאָּים איז שוינ געווענ ווײַט. ריווקעלע האָט געדאַרפט לויפנ מיט אלע קויכעס צו דעריאָגנ אים, אונ לויפנדיק, האָט זי ניט אופגעהערט צו שעלטנ מיט ביטערע קלאָלעס דעם באַלעבאָס. כאָּימענ האָט עס שטארק האנאָע געטאָנ, יעדע קלאָלע האָט אים אָנגענעם געקלונגענ, ווי א פײַנע מוזיק. ער האָט געפילט, אז זי טוט א גוטע

גל, אַז זי טוט, וואָס מע דאַרפ טאָנ און וואָס ער האָט געדאַרפט טאָנ, ווענ ער זאָל נישט זײַנ קיינ דערשלאָגענער...

מיט זײַנ לעצטנ געדאַנק האָט ער זיכ אײַנגעבויגנ, צונויפגעדרייט, אַראָפגעלאָזנ דעם קאָפּ, מאַכנדיק אַ זויערע מינע.

— אַ דערשלאָגענער, אַ דערשלאָגענער...— האָבנ קוים גע־מאַכט זײַנע ליפּנ, און ער האָט דערפילט דעם פראָסט מיט דעמ ווינט, עס האָט אים אָנגעהויבנ צו שוידערנ; ער האָט זיכ געשעמט פאַר זיכ אַלײנ

— אַ דערשלאָגענער, אַ דערשלאָגענער...— נאָר פּלוצלינג איז ער בייז געוואָרנ און האָט אָנגעהויבנ איבערצוכאַזערנ אינ האַרצנ יעדע קלאָלע אירע.

ער איז בא זיכ שטאַרקער געוואָרנ און האָט זיכ געלאָזט לויפנ אינ איינ אָטעם. ער האָט שוינ ווײַטער ניט געפילט דעם פראָסט, ניט דעמ ווינט, וועלכער האָט געפּײַפט און געוויעט, צונויפגיסנדיק זיכ מיט ריווקעלעס קאָל און פאַנאַנדערטראָגנדיק אירע קלאָלעס אינ דער לופט. עס האָט זיכ אים געדאַכט, אַז דאָס פּײַפט ניט דער ווינט, נאָר פונ אים אַלײנ, פונ זײַנ האַרצנ טראָגנ זיכ די שנײַדנדיקע קוי־לעס. ער האָט אַפילע ניט באַמערקט, ווענ ער איז אַרופגעקומענ אַפנ דריטנ שטאָק און צוגעקומענ צו זײַנ וווינונג, צו זײַנ שאַלקע. ערשט בא דער טיר האָבנ אים פאַנאַנדערגעשלאָגנ מעשונע־ווילדע קוילעס. ער האָט אַ ציטער געטאָנ — ער האָט דערהערט דעמ ווײַבס קלאָלעס.

— זאָל ער ניט דערלעבנ קומענ אַהיימ, אוי! — האָט זי ביטער־לעכ געשריִענ.— פּאָטער זאָל איכ פונ אים ווערנ, אוי, אײַ!... ער קאָנ זיכ גאָר פונ קראָמ ניט אָפּרײַסנ, אוי אײַ!... אַ בראַנ...

אַ שרעקלעכ וויי־געשריי האָט איבערגעריסנ די קלאָלעס און אָנגעפילט דאָס גאַנצע הויז.

ווי אַ שווערער פאַרברעכער מיט אַ געבויגענעם קאָפּ, אַראָפּגע־לאָזטע אויגנ און אַ האַרצקלאַפּעניש איז ער אַרײַנ אינ זײַנ וווינונג. זי איז באַשטאַנענ פונ צוויי קליינע כאַדאָרים. אינ דעמ ערשטנ, וואָס האָט געדינט אַלס קיכ און קינדער־צימער צוזאַמענ, איז קימאַט פינ־צטער געווענ, נאָר אַ קליינע שײַנ איז אַרײַנגעפאַלענ פונ דער האַלב־אָפענער טיר פונ צווייטנ צימער. אינ איינ ווינקל האָט זיכ געריסנ אַ קליינ קינד פונ אַ יאָר אָנדערהאַלבנ, מיט וועלכנ עס האָט זיכ געניאַנטשעט אַנ אומבאַקאַנטע שכיינע. אינ דעמ אַנדערנ ווינקל האָבנ

געשלוכצט אין א קופּקעלע פיר קליינע קינדער און האָבן זיך צע־
לאָזט אף א קאָל, דערזעענדיק דעם פאָטער. —

די שכיינע האָט איבערגעגעבן ריווקעלען דאָס קינד און ארופּ־
געוואָרפן זיך מיט זידלערייען אף כאימען. זי האָט געשוואָרן, אז
מע טאָר אים ניט אריינלאָזן אין א יידיש הויז, אז ער איז ניט
ווערט, וואָס די ערד טראָגט אים, אז אזא מאן האָט זי נאָך ניט גע־
זען, זינט זי איז א שטיקל מענטש.

— איידער אזא מאן צו האָבן, — האָט זי אויסגעפירט אירע טיי־
נעס, — איז בעסער גאָרניט געבוירן צו ווערן, טפו!...

זי האָט אויסגעשפּיגן מיט הארץ און געוואָרפן א גיפטיקן בליק
אף כאימען, פאריכטנדיק דאָס טיכל אפן קאָפּ.

ער האָט גאָרניט געענטפערט. ער האָט מעקאבל בעאהאווע [24] גע־
ווען אלע זידלערייען, פילנדיק זיך העכסט שולדיק. דאָך האָט ער מיט
די אויגן געבעטן הילף בא ריווקעלען — זי זאָל זיין זיין מיילעציוי־
שער, [32] זי זאָל זאָגן, צי ער איז שולדיק, צי ניט. נאָר ריווקעלעס
שווארצע, ברענענדיקע אויגן האָבן אף אים געקוקט מיט סינע און
נעקאָמע.

— זייער רעכט אף דיר! — האָט זי זיך בייז צעשיפּעט, — האָסט
געדארפט נייטיק פרעגן באם באלעבאָס, נייטיק געבארפט!... דאָ טוט
זיך, און ער דארף פרעגן!... איך וואָלט אים אָנגעשפּיגן אין צורע
און אוועקגעגאנגען!...

כאימ האָט א שווערן, שטילן קרעכץ געטאָן, א פּיר טוענדיק
מיט די פּלייצעס, ווי אונטער א שווערן אייזערנעם יאָך, און אראָפּ־
געלאָזן די אויגן.

אין צווייטן צימער, וואָס איז געווען אי א זאל אי א שלאָפצי־
מער, האָבן זיך די קוילעס פארגרעסערט. כאימ האָט זיך שטיל פאנאנ־
דערגעוויינט. אים האָט זיך פארוואָלט א קוק כאָנן אפן ווייב — ער
וואָלט זי געטרייסט, מיט א וואָרט געהאָלפן; ער וואָלט אף איר גע־
קוקט און געהאָלפן ליידן, נאָר ער קאָן זיך ניט דערוועגן דאָס צו
טאָן: דערזעענדיק אים, וועט זי נאָך מער אין קאס ווערן און נאָך
גרעסערע יעסורים האָבן.

עס האָט זיך אים געוויינט איינמאָל פאר אלעמאָל. איינמאָל פאר
אלע זיינע צאָרעס פון זיין אָרעמען קנעכטישן לעבן.

— גוואלד, ריבוינעשעלוילעם! „האָט" זיך אים" אַרויסגעריסן פון דעם פאַרבלוטיקטן האַרצן.

דאָס איז געווען די בעסטע און שטאַרקסטע טפילע בא דעם קנעכט אין מויל.

קוקנדיק אפן טאטן, האָבן זיך די קינדער נאָך העכער צעוויינט, ריוקעלע איז אויך צוגעשטאַנען. — מאמינקע! — האָבן אַלע קינדער געקלאָגט מיט האַרצרײַסנדיקע קולעס.

פון צווייטן צימער איז אַרויס די באָבע מיט א געשריי, מע זאָל אופהערן צו וויינען. לעבן דער קינפעטאָרן זײַנען געבליבן א פּאָר שכיינעס, וועלכע האָבן געוואָרפן אפ כאַימען קרומע בליקן און געמאַכט מיט די הענט, אז ער זאָל אופהערן צו וויינען און אײַנעמען די קינדער.

עס איז געוואָרן שטילער. כאַימ האָט אָנגעהויבן צו באַרויקן זיך, און די באָבע האָט זיך אפ אים ארופגעוואָרפן מיט מוסער.

— ווי האָט ער דאָס ניט גאָט אין האַרצן? — האָט זי בייז געזאָגט. — דאָס דאַרף דאָך טאָן עפּעס א גאזלען... וויאַזוי קומט מען דאָס ניט אַהיים, אין קראָם זאָל אפילע ברענען?! מע דאַרף דאָס עפּעס צען מאָל שיקן נאָך אײַך?!... טפו!... מײַנע סאָנים, וואָס ווינטשן מיר בייז, זאָלן האָבן אזעלכע מענער! האָט איר כאָטש געבראַכט עפּעס געלט? — האָט זי אויסגעלאָזן מיט פאַראַכטונג.

— געלט? — האָט ער אויסגערעדט דערשטויינט און דערשראָקן. — וויפל געלט??...

— וואָס איז דאָס פאַר א קאַשעס! — האָט זיך די באָבע צעשריען. — פון וואָסער טלייע האָט איר זיך דאָס אָפּגעריסן?!... וויפל געלט?! — האָט זי אים נאָכגעקרימט. — טפו!...

— איך האָב בא זיך דרײַ און פערציק קאָפּיקעס, — האָט ער שוואַך ארויסגערעדט, פילנדיק, אז דאָס איז גאָר קיין געלט ניט.

— ווערגט זיך מיט די דרײַ און פערציק קאָפּיקעס — האָט די אַלטע העכסט אין כאַס אויסגעשריען. — אפ מײַן לעבן האָב איך דאָך עפּעס אזא מענטשן ניט געזען!... וואָס וועט מען פריער טון מיט די דרײַ און פערציק קאָפּיקעס?! — האָט זי איראָניש געשריען, ציענדיק די לעצטע ווערטער. — דאָ דאַרף מען האָבן א בוטל וויין, צימבריק־טראָפּן!... זי האָט דאָך שוין קיין קרעפטן נישט!... מע וועט עפּשער דאַרפן האָבן א וואַנע... מע דאַרף און מע דאַרף... און ער האָט דרײַ און פערציק

קאָפּיקעס!... האָט זי זיך ווידער פאַרקרימט. — טפו! ניט געדאַכט זאָל ווערן אַזאַ מענטש!...

ער האָט זיך שטאַרק פאַרלאָרן.

— וועל איך אַ לויף טון צוריק אין קראָם, — האָט ער קוים אַרויס־געריידט. נאָר אַ קאַלטער שווייס האָט באַדעקט זײַן שטערן, און די האָר האָבן זיך אים אויפגעשטעלט; ער האָט זיך דערמאָנט אַף דער סצע־נע צווישן אים און באַלעבאָס, אַ בליק פון מיט ייִעש [25] דאָס ער אַ וואָרף געטאָן אַף ריווקעלען, וואָס האָט זיך געניאַנטשעט מיט דעם קליינעם קינד און צוגעהערט און צוגעקוקט זיך צו אַלץ, וואָס איז פאָרגעקומען אין שטוב.

— קום מיט מיר, ריווקעניו! — האָט זיך באַ אים אַרויסגעריסן קעגן זײַן ווילן.

די באָבע מיט דער שכיינע זיינען אויסער זיך געוואָרן און אָנ־געפאַלן אַף אים.

— ווי שעמט איר זיך דאָס ניט אָן אויפעלע צו שלעפן אין אַזאַ וועטער! אפילו האָט איר מוירע צו גיין, וואָס? מע דאַרף דאָך עפּעס האָבן אַ האַרץ פון אַ גאַזלען, פון אַ רוצייעך האיאַר?!... [26]

און ווער איז אײַך דאָ מעכוּיעוו צו ניאַנטשען זיך מיט די קינ־דער?! האָט די שכיינע צוגעלייגט.

ער האָט אַ קוק געטאָן אין פענצטער, און זײַן געזיכט האָט זיך פאַרקרימט פאַר האַרצווייטעק. נאָר ער האָט גאָרניט געזאָגט און געקוקט ווײַטער אַף ריווקעלען, וואַרטנדיק, וואָס וועט זי זאָגן.

ריווקעלע האָט געוואָלט צושטיין צו דער באָבען מיט דער שכיי־נע, דער קאַס האָט שוין אין איר געברענט, נאָר דעם טאַטנס קוקן מיט געבעט האָט אַף איר געווירקט. זי האָט זיך פּלוצלינג אַ הייב געטאָן פון אָרט און אויסגעשריגן: איך גיי! — זי האָט אַרײַנגעשפּאַרט דאָס קינד דער שכיינע און אַפּגיך אײַנגעוויקלט זיך אין דער צע־ריסענער שאַל.

די באָבע מיט דער שכיינע האָבן געקנייטשט מיט די פּלייצעס.

— אַ שטוב מיט מעשוגאָים — האָבן זיי געמורמלט.

נאָר כאַיִם האָט שוין געשמייכלט. ער איז פריילעכער געוואָרן, האָט מיט זיכערקײַט, פריילעך פאַרשפּראָכן אַלץ, אַלצ ברענגען און געלאָזן זיך מונטער גיין. ער האָט זיך געפילט עפּעס שטאַרקער מיט

דער קליינער טאָכטער — און אים האָט זיך געגלייבט, אז מיט איר וועט ער בא אים געוויס אויסרייסן עפּעס גוטס.

אפן וועג איז ער דאָך צוריק אריינגעפאלן אין ספייקעס.

און טאָמער וועט ער פאָרט ניט געבן? — איז ער אָפּהענטיק און אומעטיק געוואָרן.

— ער וועט ניט געבן, ריווקעלע, — האָט ער זיך געווענדט צו איר און אריינגעקוקט איר אין די אויגן, ווענדיק וויסן, וואָס טראכט זי. — וויסט זען, אז ער וועט ניט געבן! איך קאָן אים שוין זייער גוט!... ער וועט ווייטער אָנפאלן מיט קוילעס און וועט טרייבן פון קראָם...

— יאָ, אוואדע!... — האָט זיך ריווקעלע געקרימט. — א קראנקער וועט ער שוין געבן! איך וועל מאכן אזעלכע קוילעס, אזעלכע קוילעס וועל איך מאכן, אז אים וועט ניט גיכע זיין דאָס לעבן... פינצ־טער און ביטער וועל איך אים מאכן!... זאָל ער נאָר פרווון ניט געבן!... — האָט זי אויסגעשריגן, קוים כאפנדיק דעם אָטעם, און אירע שווארצע אויגן האָבן געפינקלט, ווי בא א טיגער.

כאַפּנדיק זיינען די ווערטער געווען א באלזאם צום געבראָכענעם הארצן. עס איז אים ווייטער גרינגער געוואָרן אפן הארצן און ער האָט שוין צוגערעדט גלאַט אזוי, אום אויסצוקילן זיך דאָס הארץ:

— א ראָשע מערושע [27] איז ער, ריווקעלע!... איך קען אים שוין! א צוירער היהודים [28]!... א האָמען, א וואָרער האָמען, ימאך שמוי וועזיכרוי [29]!... א ארעסטאנט, ריווקעלע!...

— עס מאכט ניט אויס! — האָט ריווקעלע מיט זיכערקייט פעסט געענטפערט. — ער וועט מיר שוין מוזן געבן!... דאָס שווארצע יאָר וועט אים שוין נעמען!...

כאַים האָט געקוואָלן; ער איז געוואָרן פריילעך.

— א טייער קינד! — האָט ער געטראַרט. — זאָל איר נאָר גאָט מאַ־לעך יאָמים זיין [30]! א פארגעניגן אזא קינד!

זיינע מיט שניי־פּאָרשאָטענע אויגן האָבן אויסגעדריקט א וואַרע־מע ליבע צום קינד, וואָס איז געלאָפן לעבן אים צונויפגעקאָרטשעט, איינגעבויגן פאר קעלט, און האָט זיך געראנגלט מיט דעם ווינט, ניט אויסריידנדיק קיין אומצופרידן וואָרט. ריווקעלע האָט דערפילט דעם טאטנס בליק. זי האָט זיך צוגערוקט מיט ליבע צום פאָטער,

אויסגעגלײַכט די דארינקע פּלײצעס און אָנגעהויבן נאָך שטארקער צו גיין.

דער פֿאָטער מיט דער טאָכטער האָבן זיך געפֿילט שטארק און דרײַסט און האָבן זיך אפילו פֿון דעם וועטער גאָרניט אויסגעמאכט.

ניט ווײַט פֿון קראָם האָבן זיי דערזען, אז דער באַלעבאָס מיטן קלענערן מעשאָרעס פֿארשליסן זי שוין. כאַים האָט פּלוצלינג פֿארלאָרן זײַן מוט און מוירע געקראָגן צו באַווײַזן זיך פֿאר דעם באַלעבאָס.

— גיי צו, ריווקעניו, — האָט ער ארויסגערעדט רויק ווערנדיק, שעמענדיק זיך פֿאר זיך אַליין, פֿאַר זײַן ניט־מענטשלעכקײַט, פֿאר זײַן דערשלאָגנקײַט, — גיי צו, ריווקעניו, און בעט בא אים עטוואָס געלט... צוויי — דרײַ רובל, ריווקעלע...

ריווקעלע האָט א וואָרף געטאָן אָפּ אים א בייזן קוק.

— אוי, אוי, א מענטש! — האָט זיך בא איר ארויסגעריסן מיט סינע.

כאַים האָט געשוויגן. דאָס בלוט האָט אים ווײַטער ארײַנגעשלאָגן אין פּאָנעם ארײַן, און ער... איז אָפּגעטראָטן ווײַטער א ביסל, אז דער באַלעבאָס זאָל אים געוויס ניט באמערקן... און ריווקעלע איז שוין געשטאנען לעבן גרינפעלדן.

— דער טאטע האָט געבעטן עפּעס געלט... א דרײַרובלדיקע! — האָט זי געזאָגט מיט א בארויגעזדיקן טאָן.

— זאָג דײַן טאטן, אז איך האָב אים ניט וואָס צו געבן. — האָט גרינפעלד געענטפֿערט, נאָכמאכנדיק איר טאָן.

— די מאמע גייט צו קינד, — האָט ריווקעלע דערהעכערט דאָס קאָל. — מע דארף האָ...

דער ווינט איז איר ארײַן אין מויל און האָט זי אָפּ א ווײַלע פֿארשטיקט. זי איז קוים געקומען צו זיך. פֿאר קאַס האָט זי צונויפגעדריקט די ציין און א בייזער „אי“ האָט זיך ארויסגעריסן בא איר.

— מע דארף האָבן געלט! — האָט זי זיך צעשריִען.

— וועט דײַן מאמע האָבן... האָט ער קאַלטבלוטיק געוויצלט. ער האָט ארײַנגעלייגט די שליסעלעך אין קעשענע, אופגעשטעלט דעם קאָלנער פֿון זײַן פּעלץ און גענומען אוועקגיין.

— גיט מיר געלט, גיט מיר! — האָט ריווקעלע נאָך העכער אויסגעשריִען, פֿארשטעלנדיק דעם וועג.

כאִים האָט דערהערט און איז פארציטערט געוואָרן.

זי רעדט שוין צו האָזעדיק, — האָט ער געטראכט, און עס האָט אים שוין פארדראָסן, וואָס ער האָט זי, די האָזעניצע, געשיקט.

— נו, מארש אוועק! — האָט דערוויילע גרינפעלד געקאָמאנדע־וועט. ניטאָ קיין געלט! גיי!... אז דו ווילסט, וועסטו באקומען פאר די פריערדיקע קלאָלעס, פאסקודניצע, דו!...

— פּש! איך האָב זיך אוודע פאר אייך דאָרשראָקן! — האָט זי זיך געקרימט קעגן אים. — גיט מיר געלט, גיט מיר... איך וועל פון אייך ניט אָפּטרעטן!..

ער האָט גאָרנישט געענטפערט און איז אוועקגעגאנגען זיין וועג.

— אזא קליינע פאסקודע! — האָט ער געטראכט, — זי וועט, דאכט זיך, בא מיר ניט אויספּירן...

ריווקעלע איז פון אים ניט אָפּגעשטאנען. זי איז נאָכגעלאָפן און געטיינעט אין איין קאָל: „געלט!” דער ווינט האָט זי עטלעכע מאָל פארשטיקט, און ריווקעלע איז אלץ בייזער און בייזער געוואָרן און האָט זיך לעסאָפּ פאנאנדערגעוויינט אפן קאָל. איר געוויין איז געווען שרעקלעך, הארצרייסנד — אין אים האָבן זיך געהערט א טיפּ אומגליק, גרויסע צאָרעס, ייִעש און בייזקייט. בא כאִימען, וועלכער איז זיי נאָכגעגאנגען, האָבן זיך אָנגעשטעלט טרערן; פארבייגייער האָבן זיך אָפּגעשטעלט, קוקנדיק מיט פארוואונדערונג אף דעם גוטן פעלץ מיט דעם אָפּגעריסענעם קינד, וואָס לויפט אים נאָך.

גרינפעלד האָט זיך דערשראָקן פארן געוויין. עס האָט אים א שניט געטאָן אין הארצן און פארדראָסן, וואָס ער האָט גאָר אָנגע־הייבן מיט דער „קליינער פאסקודע”, און ער האָט זיך מיט שרעק ארומגעקוקט: באגעגענדיק זיך מיט אייניקע בליקן פון די פארביי־גייער, האָט ער זיך נאָך מער פארלאָרן און אריינגעלאָזן די האנט אין טאש.

— מע האָט אפילע ניט געדארפט גיין, — האָט ער געטראכט, שלעפנדיק פון טאש צוויי פאפירלעך. — א שטיקל כאזער זאָל אויספּירן!..

ער האָט איר אריינגעשפארט מיט קאס דאָס געלט.

— נא, נא, פאסקודניצע! — האָט ער צוגעשריִען, — און מארש אוועק.

ער האָט זי אָפּגעשטויסן פון זיך און איז אוועקגעגאנגען מיט

גרויס פאַרדראָס, וואָס דאָס „קליין שטיקל כאַוער“ האָט בא אים אויסגעפֿירט. און דאָך האָט ער זיך אַרומגעקוקט מיט גײַווע אַף די פֿאַרבײַגייער, ווי ער וואָלט וועלן, אַז זיי זאָלן אים מודיע זײַן, אַז ער איז אַ גוטער מענטש...

ריווקעלע, דערפֿילנדיק אין האַנט דאָס געלט, האָט אופגעהערט צו וויינען און נאָר שטיל געשלוכצט. זי האָט זיך קוים געהאַלטן אין אירע פֿאַרפֿראָרענע הענטלעך און מיט די פֿאַרלאָפֿענע אויגן קוים באַמערקט, אַז דאָס זײַנען נאָר צוויי פּאַפּירלעך. זי האָט שוין געהאַט בעדייע לאָזן זיך לויפֿן נאָך אים און בעטן נאָך אַ רובל, נאָר כאַיִם איז אונטערגעגאַנגען.

— האָסט! — האָט ער אויסגעשריִען מיט פֿרייד, דערזעענדיק בא איר די פּאַפּירלעך.

— אָבער נאָר צוויי רובל! — האָט זי בייז און וויינענדיק אויסגעשריִען.

— נו, מיילע! וואָס קאָן מען מאַכן? — האָט ער געזיפֿצט, — עס וועט מוזן זײַן גענוג צוויי רובל...

ער האָט נאָך אַ זיפֿץ געטאָן און צוגענומען בא איר דאָס געלט.

— ער האָט פֿאָרט געגעבן, הי — !.. האָט ער געזאָגט מיט אַ ברייטן שמייכל נאָך אַ קליינעם שווײַגן, אויסגלעטנדיק און צונויפֿלייגנדיק די צוויי רובל.

— נו, אַצינד, ריווקעלע, — האָט ער אָנגעהויבן מיט זייער אַ ליבלעכן טאָן, — לויף אַהיים. ביסט שוין אַ דערפֿראָרענע, און איך וועל לויפֿן נאָך דאָס, וואָס מע דאַרף.

— גיי, ריווקעלע! גיי, מײַן ... ערקע! — האָט ער אַרויסגערעדט נאָך ווייכער, פֿאַריכטנדיק אַף איר די שאַל.

— ניין, איך וועל שוין גיין מיט דיר, — האָט זי געענטפֿערט.

— כאַיִמען איז דאָס זייער אָנגענעם געווען — ער האָט דאָס געוואָלט; דאָך פֿילט ער, אַז ער טאָר זי ניט אַרומשלעפּן מיט זיך.

— גיי, גיי אַהיים! — האָט ער געזאָגט מיט ראַכמאָנעס — עס איז דאָך קאַלט...

— עס מאַכט ניט אויס, — האָט זי אים איבערגעריסן, — איך וועל ניט דערפֿראָרן ווערן.

זיי זײַנען ביידע שווײַגנדיק אַוועקגעגאַנגען אין אַפּטייק.

— ער האָט פֿאָרט געגעבן! — האָט כאַיִם אַרויסגערעדט פֿאַר-

טראכטערהייט, אָפּגייענדיק א ביסל. אַפ זיינע ליפּן איז געלעגן א שמייכל, ווי ער וואָלט באוווּנדערן א זאך, וואָס האָט גאָר קיינמאָל ניט געקענט טרעפן.

— יאָ, ער האָט שוין געמעגט נישט געבן! — האָט ריווקעלע אונטערגעכאפּט, מיינענדיק, אז דער פאָטער רעדט עס מיט איר. ער וואָלט שוין בא מיר שיין אויסגעזען! איך וואָלט אים...

און ריווקעלע האָט זיך פאנאנדערגעקאָכט, צעהיצט, צעשריִען.

כאיִם איז געווען שטארק פארטיפט אין ראיינעס[31] און האָט זי גאָרניט געהערט. ער האָט אפילע די אפטייק ניט באמערקט, און ריווקעלע האָט אים געדארפט אָפּשטעלן.

— הא, מייַן טאָכטער, גוט צו זיין א מעשאָרעס, הא? — האָט ער זיך פלוצלינג געווענדט צו איר, ארויסגייענדיק פון אפטייק. — א לעבן, הא? א כּיִעַח, וואָס, טאָכטערקע!..

ער האָט אָנגעהויבן שנעל צו גיין, ווי ער וואָלט אנטלאָפן פון ענטפער. ער האָט נערוועז אָנגעטאפּט די רעפּועס אין קעשענע, אין קאָפּ איז דורכגעפלויגן א געדאנק וועגן דעם ווייַב, און ער האָט נאָך שנעלער אָנגעהויבן צו גיין.

— פאר קיין געלט וואָלט איך קיין מעשאָרעס ניט געווען! — האָט ריווקעלע געענטפערט, נאָכלויפנדיק נאָך דעם פאָטער.

כאיִם האָט זיך אָפּגעשטעלט און אויסגעגלייַכט מיט ריווקעלען.

— מייַנע סאָנים, — האָט ער געזאָגט און געלאָזן זיך ווייַטער גיין מיט אן אראָפּגעלאָזענעם קאָפּ, — זאָלן זיין מעשאָרסים! אלע סוינע יִיסראָעל!.. קאטאָרגע איז דאָס... ערגער פאר קאטאָרגע!.. דעם גרעסטן סוינע דארף מען דאָס ווינטשן, טאָכטער מייַנע... ערגער ווי א פארקויפטער איז א מעשאָרעס... א פּעגירע האָט געמעגט אייַנעמען מייַן באלעבאָס, איידער איך האָב אים דערקענט!.. פופצן יאָר, — האָט ער אופגעהויבן און איבערגעדרייט דעם קאָפּ צו ריווקעלען, וואָס איז אים נאָכגעלאָפן מיט אלע קויכעס, און דערהעכערט דעם קאָל, — פופצן יאָר, אז איך בין שוין בא אים ערגער ווי בא פארעס אין מיצראִים... ערגער, ריווקעלע, אסאך ערגער!..

ער האָט געציטערט ווי אין א קאדאָכעס. אין די אויערן האָבן אים געקלונגען אלערליי קלאָלעס און זידלערייַ; אפן באק האָט ער געשפּירט פינגער, דיקע, געזונטע פינגער, און ער האָט זיך צונויפ-

געקאָרטשעט, ווי ער וואָלט וועלנ ראַטעווענ זיינ רוקנ פונ פעסטע פויסטנ... נאָר גלײַך האָט ער זיכ ווידער דערמאָנט אָפנ ווײַב אונ אָנגעהויבנ נאָכ האַסטיקער צו גיינ...

— פאַר קיינ געלט וואָלט איכ, דאַכט זיכ, באַ אימ ניט געווענ,— האָט ריוועקעלע געטײַנעט — איכ וואָלט אימ שוינ לאַנג אַ פולע צורע אָנגעשפּיגנ...

— זאָג דאָס ניט, טאָכטערקע — האָט כאַיִמ זי איבערגעריסנ שוואַכ אונ אומעטיק — די נויט [illegible] אײַזנ!.. אַז מע קאָנ ניט אַריבער, מוז מענ אַרונטער, קינד מײַנס!..

ער האָט שווער אַ זיפצ געטאָנ.

— אוואַדע, זע אָקאָרשט, ווי גלייבסטו, — האָט זיכ ריוועקעלע צעהיצט, אונ אירע אויגנ האָבנ אויסגעדריקט סינע צומ פאַרקנעכ־טעטנ, דערשלאָגענעמ פאָטער, איכ וועל עפשער אויכ דינענ?!.. אויכ זיינ אַ מעשאָרעס?.. ניט דערלעבנ וועט דאָס קיינער!..

— דיכ זאָל שוינ גאָט אויסהיטנ דערפונ! — האָט כאַיִמ געענט־פערט אַזוי דירנדיק, אַז ריוועקעלע האָט איר האַרצ באַלד מיט אימ שאָלעמ געמאַכט.

אינדערהיימ, ווענ אַלע זיינענ אָנגעפאַלנ אַפ אימ, וואָס ער האָט זיכ אַזוי פאַרזאַמט מיט די רעפועס, איז שוינ ריוועקעלע זיינ מיי־ליציוישער געווענ אונ האָט זיכ מיט אַלעמענ אַמבעסטנ אָפגע־טײַנעט.

— גייט איר פרווונ בעטנ געלט באַ זיינ באַלעבאָס, זאָל אימ אַראָפ די נאָז! האָט זי געגראַמט.

כאַיִמ האָט פונ איר געקוואָלנ, נאַכעס געקליבנ.

— זי וועט שוינ, דאַכט זיכ, געוויס קיינ מעשאָרעס ניט זיינ— אונ זיינ האַרצ איז געוואָרנ לאַנג אונ ברייט.

די מאַכשאָוועס זיינענ אימ פונ קאָפ ניט אַרויס די גאַנצע נאַכט. זאָגנדיק טילימ, פאַרגלאָצנדיק די אויגנ צומ הימל אונ בעטנדיק הילפ פאַר זײַנ ווײַב, האָט ער פאַר איינוועגס געבעטנ, אַז גאָט זאָל אימ אויסלייזנ פונ מעשאָרעס אונ זיינע קינדער גאָרניט ברענגענ דערצו׳ כאַיִמ האָט פראָטעסטירט! ער האָט פראָטעסטירט קעגנ פופצנ־יאָריקע צאָרעס, קלעפ, שלעק, זידלערײַ, קעגנ פופצניאָריקע אונטער־

טעניקייט, אונטערדריקטקייט, דערשלאָגנקייט, קעגן פּופּצניאַריקן זײַן „יענעמס א מענטש"...

ביסלעכווײַז האָט ער זיך אָנגעהויבן צו פּילן שטארקער, פרײַער; עס האָט זיך אים שוין אויסגעדאכט, אז ער האָט אראָפּגעוואָרפן פון זיך די קייטן, אז ער איז פּאָטער געוואָרן פון דעם פריִער־דיקן לעבן.

עס האָט זיך אים געדאכט, אז זיין טפילע איז דערגאנגען און צוגענומען געוואָרן.

— מאזלטאָוו! — האָבן אים איבערגעריסן די מאכשאָוועס די שכיינעס און דער באָבעס פריילעכע שטימען.

— מאזלטאָוו! — האָט די באָבע איבערגעכאזערט. — א צווילינג, און ביידע ייִנגלעך!.. אָבער איז עס צוגעגאנגען!..

נאָר ער האָט זי ניט געהערט. מיט איין שפרונג איז ער שוין געווען לעבן דער קימפּעטאָרן. פון זיינע אויגן האָבן זיך געגאָסן טײַכן טרערן, נאָר דאָס זיינען געווען טרערן פאר סימכע, פאר גליק, אפ וואָס ער האָט געהאָפּט.

ער האָט אָנגעוויגטשט זיך — זיך אליין מיט דעם ווײַב — און די נײַגעבאָרענע קינדער אלעס גוטס מיט לאנגע יאָר.

— נאָר קיין מעשאָרסים זאָלן זיי ניט זיין, ריבוינעשעלוילעם! — האָט ער ארויסגערעדט זייער דירנד, מיט געבעט.

דאָס ווײַב האָט איצט אלץ פארשטאנען און אופגעהערט בארוי־גען צו זיין אפ אים פאר הײַנטיקער נאכט.

— אָמיין, האלעווײַ! — האָט זי געענטפערט מיט טרערן. — דער אויבערשטער זאָל שוין אונדז אויך א־יסלייזן און צושיקן א בע־סערע פּארנאָסע.

באַימענע איז עפּעס גרינגער געוואָרן. זיין אכט און צוואנציק־יאָריק פּאָנעם, וואָס האָט באקומען קנייטשן פאר דער צייט, האָט זיך א ביסל אויסגעגלעט. דאָס ווײַב האָט זיך אויך אָנגעהויבן צו פּילן שטארקער, און זייערע בליקן האָבן זיך צונויפגעגאָסן מיט ליבע און טרײַהײַט.

און ריווקעלעס אויגן האָבן געקוקט אפ טאטע־מאמע מיט גרויס ראכמאָנעס און ווארעמער ליבע...

* * *

אַפֿ מאָרגנ אינדערפֿרי, ווענ עס איז געקומענ די צײַט צו גײנ אינ · קראָם, איז אים געוואָרנ זײער ביטער, ער איז ווידער כווישעכ־דיק אונ אײַנגעקנײטשט געוואָרנ. ער האָט זיכ דאָכ אָנגעטאָנ אונ געלאָזנ זיכ גײנ: דאָס ווײַב האָט אויכ געהײסנ גײנ — ער וועט דאָכ איצט, ווענ זי ליגט אינ קימפעט, ניט בלײַבנ אָנ א שטעלע.

— וווהינ גײסטו? — האָט אים אָפּגעשטעלט דאָס קלײנע ריווקעלע.

— אינ קראָם. וואָס איז? — האָט ער זי געפרעגט, פארשטײענדיק איר פראגע, נאָר וועלנדיק וויסנ, וואָס וועט זי זאָגנ.

— איכ וואָלט אים אסאכ אָנגעזאגנגענ — האָט די קלײנע בײז געזאָגט, — ער וואָלט שוינ לאנג וואָרטנ!.. נאָכ גײנ בעטנ זיכ בא אים!..

ער האָט גאָרנישט ניט געענטפערט אונ איז אוועק. ריווקעלע האָט אים נאָכגעשיקט זײער א בײזנ קוק, וועלכנ ער האָט גוט געפילט, כאָטש ער האָט אים ניט געזענ.

מיט אנ אראָפּגעלאָזענעם קאָפּ איז ער ארײַנ אינ קראָם. אַפֿ זײנע ליפּנ איז געלעגנ א נארישער שמײכל; די רעכטע האנט האָט ער געהאלטנ הינטערנ אויער.

— מײַנ ווײַב האָט געהאט א צווילינג, צוויי ייִנגלעכ, — האָט ער כניפעדיק געזאָגט דעם באלעבאָס אָנשטאָט א „גוט מאָרגנ".

— מאזלטאָוו דיר! — האָט דער באלעבאָס איראָניש געענטפערט, קרום אונ מיט פאראכטונג א קוק טועגדיק אַפֿ אים, — אינ דעם ביסטו גראָד געראָטנ... שוינ גלײַכ א מיניענ?..

— נײנ, ערשט א צווײענדיקע קאדריל! [38] האָט כאָים געוויצלט מיטנ נארישנ שמײכל.

— פארכ אײנער! — האָט דער באלעבאָס בײז אויסגערעדט, דערמאָנענדיק זיכ אַפֿ דאָס געכטיקע.

כאָים האָט גאָרניט געענטפערט. מיטנ שמײכל פונ א דערשלאָגענעם האָט ער זיכ געשטעלט אַפֿ זײנ אָרט הינטער פארקויפ־טיש. אינווײניק, אינ זיכ, האָט ער גאָר א שטילנ אונ לאנגנ זיפצ געטאָנ.

ערעוו יאָנקיפּער

א שפּיל צווישן איין ציג און אסאך וועלף

אין דריי טיילן.

ערשטער טייל

די ציג

ערעוו יאָנקיפּער, ארום האלבן טאָג.

ר' עליע דער טוך־פאבריקאנט גרייט זיך צו ערלעך פאנאנדערצאָלן זיך מיט זיינע ארבעטער. לעקאָוועד יאָנקיפּער! דער בוכהאלטער מיטן קאסיר מאכן די רעכענונגען און ציילן אויס דאָס געלט. ער וויל זיך אפילע פריינטלעך צעזעגענען מיט זיי. אפן גרויסן שרייבטיש שטייט א גרויסע פלאש בראָנפן, עטלעכע גלעזלעך, עס ליגט אסאך אָנגעשניטענער לעקעך. ער וויל זיי ווינטשן, זיי זאָלן ניט דארפן אָנקומען צו פרעמדע הענט. ער גייט ארום הין און צוריק איבער זיין קאנטאָר. ער איז שטארק פארנומען מיט זיינע געדאנקען און דאפקע ניט געשעפט־געדאנקען — ערעוו יאָנקיפּער איז ניט א צייט פון געשעפט. ר' עליע איז א פרומער ייִד. גאָר אָן סאָפעק. אין א לענגלעכן ראָק מיט לענגלעכע פייעס, וועלכע זיינען פארבארשטן צוזאמען מיט דעם באקנהאָר פון זיין גרויסער, ברייטער באָרד. און גלאט — ר' עליע! ער וויל קומען א ריינער צום מאָרגנדיקן מישפעט. ער ווייס אָבער, אז די ארבעטער האָבן אים שוין ניט איינמאָל פארקלאָגט באם „מעלעך עליוין"[34], וויל ער זיך מיט זיי אָפּטיינען. ער ווייזט זיך אוף, אז ער איז שטענדיק גערעכט געווען: די ארבעטער זיינען פּאָשעט „קעשענע־גאנאָווים"! זומער האָבן זיי פּלוצלינג געמאכט „יאדאכעס" און אופגעהערט צו ארבעטן. א גאנצן כוידעש! א רעציכע!

שטרײַק — שטרײַק! — טראַכט עליע, — שטרײַק רופֿן זײ עס נאָך אָן! גנײװע, גזײלע, פֿון מױל דעם ביסן!... ניט שטרײַק — שמײַק. װאָס פֿאַר א נאָמען זײ טראַכטן נאָך אױס!...

ער האָט געװאָלט אראָפּנעמען א האַלב רובל פֿון שטיק. ער האָט געװוּסט, װאָס ער טוט, ער האָט געמוזט טאָן: אים אונטער דער נאָז װאַקסט אױס א קאָנקורענט.

דאָס איז אפֿילו ניט קײן שטאַרקע טײַנע, ער פֿילט עס. דערצו האָט ער ניט פּינקטלעך געצאָלט, געפּרוּװט א פּאָר מאָל אײַנדרײען, צושטעלן, פֿאַרשרײַבן גוטע סכוירע פֿאַר שלעכטע און גאַרניט באַצאָלן — נאָר ער האָט עס געמוזט, גאָט איז זײַן אײדעס — געשעפֿט! װי זאָגט מען עס — אין האַנדלשאַפֿט, די גאַנצע װעלט טוט אַזױ, אָבער דער שטרײַק!

„און גלאַט“, מײנט ר׳ עליע, „זײַנען די יונגע אַרבעטער ניט װערט, װאָס די ערד טראָגט זײ. גױיִם, װאָרע גױיִם, א ייִדישער פֿונק איז ניטאָ אין זײ. אױסגעפּענעמער, ניטאָ עלטער, ייִנגער — פֿון גאַנצן אױסגעטאָן“.

אײן פֿענצטער פֿון קאָנטאָר גײט אַרױס צו דער גאַס, און ר׳ עליע זעט, װי אין גאַס לעם טױער הײבן זיך שױן אָן צו קלײַבן די אַרבעטער. זײ מאַכן מיט די קעפּ אין דער זײַט פֿון קאָנטאָר. אָט פֿאַרגלײַזט א יונגער אַרבעטער, פֿון א יאָר דרײַ און צװאַנציק, געצאַפּלעץ, די אױגן און גיט א װאָרף מיט די הענט, — װי ר׳ עליע, װען ער זידלט אַן אַרבעטער. די יונגע אַרבעטער אַרום געצעלען צעלאַכן זיך.

ר׳ עליע קערט אָפּ די אױגן פֿון פֿענצטער באַרױגעזדיק.

— װעט שױן זײַן אַמאָל א סאָף? — װענדט ער זיך אומגעדולדיק צום בוכהאַלטער מיכל קאַסיר, ער װיל שױן מער אין פֿענצטער ניט קוקן און װעגן די אַרבעטער ניט קלערן, „גאַרנישטן!“ באַשליסט ער אין מוחעך און װאַרפֿט אומגערן זײַן בליק אױף דער גאַס: געצאַל שטײט אין דער פּאַזע, װי ר׳ עליע, װען ער װיל אײַנשמועסן אַן אַרבעטער, אַז ער האָט בא אים אָנגענומען מער געלט.

— װאָס ציט זיך עס דאָרטן בא אײַך, װי פֿון פּעך? — שרײַט אױס ר׳ עליע צו די קאָנטאָריסטן.

„ער װעט שױן בא מיר ניט אַרבעטן“, טראַכט ער װעגן לעצ. — „אױסװאָרפֿן זײַנען דאָס עפּעס, אײנגאַמעכאָד[35] צװישן זײ“.

אים פֿאַלט אײַן, אַז די לײַטלעך האָבן גאָר קײן װערט ניט בא

דעם „קאוויאָכל"[36], ער האָט גאָר לאַבלוטנ ניט וואָס צו מוירע האָבנ פאר זייערע טיינעס.

ער נעמט זיכ פארנ טילים. איצט וועט ער זיכ גאָר אינגאנצנ איינקויפנ באַמ ריבוינעשעלוילעמ — — —

צווייטער טייל

די וועלפ

א מאנ זעכציק ארבעטער שטייענ אינ הויפ אונ אינ גאס לעמ טויער. אלע אָנגעטאָנ יאָנטעווודיק — אינ ריינע העמדער אונ אינ שאבעסדיקע בגאָדימ: נאָר די יינגלעכ, וועלכע דרייענ זיכ צווישנ זיי ארומ, זיינענ אָפגעריסנ אונ קימאט אלע באָרוועס.

מע שטייט רעדלעכווייז. אלטע מיט אלטע, יונגע מיט יונגע. מע איז אומגעדולדיק, וואָס מע לאָזט זיי אזוי לאנג ווארטנ. די געשפּרעכנ קלעפּנ זיכ עפּעס ניט. די יינגלעכ הייבנ אָנ צו שפּילנ אינ „כאפּעניש", נאָר באָרעכ דער אלטער, דער עלטסטער צווישנ די ארבעטער, שרייט אפ זיי אָנ. „עס איז היינט ניט א צייט פונ שפּילעניש", מיינט ער. די קינדער רייסנ איבער דאָס שפּילנ. אינ א ווײלע ארומ שלאָגנ זיי זיכ פאר א קנעפּל.

נאָר ארומ געצל לעצ איז נאָכ א ביסל פרייליכ. ער זיצט אפ א טומבע לעבנ טראָטואר, הייבט שטיינער אופ פונ דער ערד אונ צילט אינ די פייגל, וועלכע שפּרינגענ אומ אינמיטנ גאס, אָדער אינ פארביייגייענדיקע מיידלעכ. ער טוט עס לאנגזאמ, אָנ כיישעק. מע דארפ דאָכ די צייט אראָפּשטופּנ. גלאט איז ער איצט אינ קאס אפ ר' עליענ, גיט ער נאָכ מיט עפּעס דאָס הארצ.

די באָכערימ ארומ אימ האָבנ פארגעניגנ, נאָר די אלע ארבעטער, וועלכע שטייענ אָנגעשפּארט אינ טויער, קוקנ אפ אימ אָנגערוקט.

— בא אימ זיינענ אלע צייטנ גלייכ, — מורמלענ די אלטע.

דער יונגער אוילעמ קוקט געצלענ אינ מויל אריינ: וואָס וועט ער ענטפערנ? ער פיפט אפ זיכ די בליקנ, נאָר ער ענטפערט גאָר ניט, כאָטש אינ קאָפּ דרייענ זיכ ארומ אלערליי ענטפערנ. ער האָט שיר ניט געזאָגט, אז א מיידל געפעלט אימ שטענדיק. אָבער ער האָט ניט געזאָגט, ער האָט זיכ געפוילט.

— וועסט מאָרגנ קומענ מיט מיר פאסטנ? — פרעגט ער פּלוצלינג בא א פארבײַגייענדיקער דיגסט.

וואָס זאָגסטו צו זיינ קאָפּ? — ענטפערט אָפּ דאָס מיידל אונ גייט פאָריבער. זי קוקט זיכ דאָכ אינ אימ אײַנ: צי וואָלט עס איר געלוינט?

— מעגסט זיכ טאקע באגראָבנ לעבעדיקערהייט, פּראָסטער גוי דו! — צעבייזערט זיכ דער אלטער באָרעכ, — ערעוו יאָנקיפּער, ניט ערעוו יאָנקיפּער — ניטאָ קיינ כילעק!

— ר' עליעס זכוס וועט מיר באשטיינ, — ענטפערט געצל פויל. ער וועט זיינ פאר מיר א גוטער בעטער...

— אינ גיכע צײַטנ נאָר, — כאפּט אונטער א באָכער, פאר מיר אונ פאר קאָלייסראָפּל...

— ווענוימאר אָמיינ! [37] — זינגט אויס אנ אנדער באָכער.

— שארלאטאנעס! — ריידנ צווישנ זיכ די אלטע ארבעטער.

— ערעוו יאָנקיפּער, ניט ערעוו יאָנקיפּער — גאָבניט! — מורמלט באָרעכ.

ער איז אויכ ניט גאָר שאָלעמ מיט ר' עליענ. עס ליגנ אימ גוט אינ קאָפּ טויזנטערליי אומגערעכטיקײַטנ, וועלכע ער האָט פארטראָגנ פונ אימ. דאָכ וועט ער ערעוו יאָנקיפּער גיט מאכנ דערפונ קיינ רייד. מע טאָר ניט! א דאמסוינע [38] אפילע איז ער מויכל בימכילע גמורע [39], לעכאָלאפּאָכעס אפּ די ליפּנ וועט ער קיינ קלאָלע ניט ארופּברענגענ. די שקאָצימ — זאָל גאָט גיט שטראָפנ פאר די רייד! — זיינענ פּאָשעט „אָסער לעראכעמ" [40].

— אָבער וואָס געווערט עס דאָרטנ אזוי? — פרעגט מיט אומגעדולד אנ אלטער ארבעטער.

— ער ציילט זײַנע אוויירעס, — ענטפערט דער לעצ געלאָסנ. אונ אינ א ווײַלע ארום גיט ער צו:

— ער מוז גאָר אָנגרייטנ פאר אונדז א דראָשע, ווי פאראיאָרנ. נו, קינדערלעכ, האָט אײַכ א „שימע טויבע" [41], — הייבט ער אָנ מיט ר' עליעס קאָל, — דער אויבערשטער זאָל אײַכ צעברעכנ די קעפּ... איכ מיינ די הערצער, אונ איר זאָלט האָבנ א גרינגענ טאָנעס, קאָלזמאנ איר וועט לעבנ.

דאָס יונגווארג צעלייגט זיכ פאר געלעכטער, די אלטע ווארפנ קרומע בליקנ.

— ערעוו יאָנקיפּער, ניט ערעוו יאָנקיפּער — ביסט א גוי, טאָ שמאד זיך אינ אלדע רוכעס! — זידלט זיך באָרעכ.

— אינ קאנטאָר! אינ קאנטאָר! — דערהערנ זיך קוילעס פונ הויפ. די ארבעטער רירנ זיך.

— קומט אָנקוקנ דעמ קאָשערנ פּארצעפּ, — זאָגט געצל, אופ־שטייענדיק פונ טומבע. דאָס יונגווארג גייט מיט אימ מיט א שמייכל אפ די ליפּנ.

דריטער טייל

די שפּיל

ר׳ עליע זיצט אפ זײַנ אָרט באמ טיש אונ קוקט ארײַנ אינ כעושבנ. דאָס גאנצע געלט ליגט פאר אימ. הײַנט וויל ער באצאָלנ מיט דער אייגענער האנט. עס דאכט זיך אימ, אז דאָס איז א מיצווע... ער וועט נאָך באגיינ זיך מיט די ארבעטער וואָס ווייבער, ער פילט א ווארעמקײַט אינ גאנצנ קערפּער — עס דאכט זיך אימ. אז ער איז א צאדיק. אונ ער ווערט אלצ בעסער אונ בעסער. זייַנ קוק אפ די ארבעטער באקומט אפילע א פרײַנטלעכנ אויסדרוק.

די אלטע מיט די יינגלעכ שטייענ פאָרויס, די יונגעלײַט פונ הינטנ. געצל שטייט מיט אנ ערנסטער מינע אפּנ געזיכט, נאָר זײַנע אויגנ קוקנ איראָניש אפנ באלעבאָס. ער וויס עפּעס ניט, וואָס פאר א שטאָכוואָרט ער זאָל זאָגנ.

אונ דאָס יונגווארג קוקט ארײַנ געצלענ אינ די אויגנ.

— נו, קינדערלעכ; ווענדט זיך ר׳ עליע פרײַנטלעכ צו די אר־בעטער — מיר וועלנ זיך פאנאנדערצאָלנ אונ צעזעגענענ. איר דארפט דאָך מיסטאמע האָבנ דאָס געלט.

— נאָך [illegible]וי, — ענטפערט עמעצ.

— אה [illegible]ידע, אוואדע! — זאָגט ר׳ עליע גאָר ווייך, מיר וועלנ דערפאר קי[illegible]יס ניט מאכנ. נו, באָרעכ!..

פונ אוילעב[illegible]ילט זיך אָפּ באָרעכ דער אלטער אונ גייט צו צום טיש.

— יאאמויד ר׳ באָרעכ! [42] — זאָגט אויס געצל.

די ארומיקע פארדעקנ די מײַלער אונ קוקנ אפ דער ערד.

באָרעכ באקומט זײַנ געלט, באהאלט עס אינ קעשענע אונ וויל אוועק.

— האָט אײַכ א כסימ[43]... — הייבט ער אָנ.

—ווארט, וואָס אנטלויפסטו? — האלט אימ אָפּ ר׳ עליע, — מיר וועלנ אונדז אפריִער פאנאנדערצאָלנ מיט אלעמענ, דערנאָכ וועלנ מיר זיכ צעזעגענענ, ווי געהעריק. מיר וועלנ נעמענ א ביסל „מאש־קע“... וואָס אנטלויפסטו!? אויזער! — רופט ער אויס א צוהייטנ אלטנ ארבעטער. — מיר זײַנענ דאָכ עפּעס יידנ, הײַנט איז ערעוו יאָנקיפּער, — רעדט ער ווי פאר זיכ, ארײַנקוקנדיק אינ כעזשבנ.

— גרייט אָנ דראָשע־געשאנק, — וויצלט געצל.

ר׳ עליע ווארפט א בליק אינ געצלס זײַט. ער קאָנ ניט לײַדנ די גאנצע כעוורע, וואָס שטייט דאָרטנ. נאָר ער שטארקט זיכ אונ טרײַבט פונ זיכ די סינע. ער וויל איצט אפ קיינעמ קיינ סינע ניט טראָגנ. אונ עס דאכט זיכ אימ, אז דער „מעלעכ עליונ“[34] זעט אלצ, וואָס עס טוט זיכ בא אימ אינ הארצנ, אונ ער ווערט אלצ פרייליכער אונ בעסער.

— איכ האָב געוואָלט בעטנ, איר זאָלט מיר געבנ עפּעס מער געלט, — זאָגט אויזער מיט א געבעט.

— מער געלט איז הײַנט ניטאָ, — האָט ר׳ עליע ווייכ נאָר אומ־גערנ ארויסגערעדט. ער כאפּט זיכ אָבער באלד: מע האָט ניט גע־דארפט אָפּזאָגנ. נאָר אימ פאלט אײַנ, אז נאָכ יאָנטעוו וועט ער אוי־זערנ ניט האלטנ מער, אונ אויזער וויל, דאכט זיכ, אליינ אוועקגיינ פונ אימ. אונ גלאט ער זאָל געבנ אויזערנ, דארפ ער שוינ אלעמענ געבנ, וואָרעמ אלע וועלנ בעטנ, זיי דארפ מענ דאָכ נאָר באווײַזנ א דערעכ[44].

— שמערל! — רופט ער אויס א דריטנ אלטנ ארבעטער.

— איר וואָלט מיר געטאָנ א גרויסע טויווע. איכ דארפ אזוי נייטיק! — רעדט אויזער זײַנס.

אונ ר׳ עליע וויצלט גוטהארציק:

— איכ דארפ אויכ, שמערל דארפ אויכ. זאָג, שמערל, דו דארפסט אויכ?

— אָ, נאָכ ווי דארפ איכ! — ענטפערט יענער. — איכ האָב טאַ־קע אײַכ געוואָלט בעטנ...

— זעסט, הא? — ווענדט זיכ ר׳ עליע צו אויזערנ. — סימכע! —

רופט ער אויס א פערטל. ער וויל שוין פארגעסן דעם גאנצן פאר־פאל מיט אויזערן באקאשע.

— אָבער איך מוז! — שטייט צו אויזער. — איך האָב מיך אָפּגעבעטן בא בייניש דעם וואָכערניק ביז היינט...

— ביסט א קינד און גאָר, — זאָגט ר׳ עליע ווייך, כאָטש עס פארדריסט אים שוין אויזערס אקשאָנעס. — עפראָים! — רופט ער אויס. — ביסט א קינד, — זאָגט ער ווייטער צו אויזערן אזוי זיס, אזוי הארציק. — איך זאָל דיר געבן, דארף איך געבן באָרעכן, שמערלען, עפראָימען — דארף איך אלעמען געבן. אלע דארפן. איך וויים דען ניט, אז אלע דארפן? בא דיר, עפראָים, איז, דאכט זיך, א טאָכטער קראנק? וואָס מאכט זי? — פרעגט ער דעם ארבעטער מיט ראכמאָנעס...

— וואָס זאָל זי מאכן? ליגט! איך וואָלט געהאט געלט... — ענטפערט עפראָים אָן כיישעק און פארצווייפלט.

אויזערס געזיכט איז פארקרימט פון הארצווייטעק. ער קוקט זיך אום אף די כאוויירים. די כאוויירים שטייען אלע אָנגערוקט. אפילע באָרעך איז איצט אין קאס.

— געפונען דעם געבער, — שעפטשעט באָרעך.

גלייך ער וואָלט אים ניט געקאָנט, — מורמלט סימכע.

— ע, כע־כע! זיפצט אָפּ עפראָים.

ערעוו יאָנקיפּער, ניט ערעוו יאנקיפּער — ברומט אונטער געצל — אין באָרעכט טאָג.

אויזער זיפצט אָפּ און רוקט זיך ארויס פון קאָנטאָר.

— ערעוו יאָנקיפּער, ר׳ אויזער! — שיקט אים נאָך א יונגער ארבעטער.

— ע־ע־עכ! — מאכט אויזער מיט דער האנט און גייט אוועק.

ר׳ עליע פילט, אז די ארבעטער פארמאסערן אים ווייטער פאר דעם „מעלעכ עליונ". „דאָס איז א כעוורע", טראכט ער אויסרופנדיק איינ ארבעטער נאָכן אנדערן.

„זיי האָבן דען ליב ארייננגיין אין דעם באלעבאָס לאגע? גיב און גאָר! — מער ווייסן זיי ניט".

עס פארדריסט אים אפילע, וואָס ער האָט זיך אָנגעהויבן מיט אויזערן. נאָר אז עס האָט זיך שוין אזוי געמאכט — — — ע!

— געצל! — רופט ער אויס ווייך. ער וויל זיך אפילע מיט זיין גרעסטן סוינע זייער פריינטלעך באגיין.

— איך בין דאָ! — שרײַט אויס דער לעצ און לאָזט זיך גיין צום טיש.

— מאָרגנ איז יאָנקיפּער, געצל! — מוסערט ר׳ עליע.

— געצל, מאָרגנ — יאָנקיפּער!

— א, איך ווייס! — קרעכצט אָפּ געצל.

— ביסט א שייגעצ, געצל, א גרויסער · שייגעצ, מוסערט ווײַטער ר׳ עליע, אָפּגעבנדיק אים דאָס געלט.

— א שלעכטע וועלט, ר׳ עליע, ניטאָ זיך פונ ווענמען גוטס אָפּלערנענ, ר׳ עליע, — שטעכט זיך דער לעצ.

— ביסט א שייגעצ, א גרויסער שייגעצ, — זאָגט ר׳ עליע מיט א האלב מויל און רופט ארויס אנ אנדער יונגנ ארבעטער.

געצל איז ניט צופרידנ. ער האָט צו ווייניק און שלעכט אָפּגעענט־פערט. געדארפט אים עפּעס ארײַנלאָזנ א שפּילקע, עס זאָל אים פּאר־כאפּנ בא דער נעשאָמע. די כאווײרים זײַנענ אויכ ניכ צופרידנ. און זיי האָבנ אזוי געוואַרט אפ דעם ספּעקטאקל.

א שווײַגנדיקער פּארלאָזט געצל די קאָנטאָר, שווײַגנדיקע גייענ אוועק די יונגעלײַט, אָפּנעמענדיק זייער געלט.

ר׳ עליענ שטעכט, וואָס זיי גייענ אוועק, נאָר ער שטעלט זיי ניט אָפּ. ער ווייס, אז אומזיסט וועט זײַנ די טירכע. דער ערעוו יאָנקיפּער מאכט אויכ ניט וויכ זייערע הערצער. רעשאָים! און ער ווערט אלצ ווייכער און ווייכער צו די איבעריקע. די קינדער גיט ער אפּילע צושטײַער אפ מאכזיירים — ער באקוקט מיט ניצאָכנ אלע ארבעטער. און באַרעכנ דאכט זיך, אז ר׳ עליע האָט פּאָרט א ייִדיש הארצ.

דאָס פּאנאנדערצאָלנ זיך איז געענדיקט. ר׳ עליע שטייט אופ פונ דער שטול מיט א זייער פרײַנטלעכער מינע.

— נו, ברידערלעכ, — זאָגט ער לעבעדיק, — איצט וועלנ מיר אונדז צעזעגענענ, ווי עס דאַרפ צו זײַנ, מאכנ לעכאַים, פארבײַסנ. — ער הייבט אָנ אָנגיסנ די גלעזלעכ. באָרעכ, שמערל, עפראָים און סימכע זײַנענ פונ די ערשטע.

— לעכאַים ר׳ עליע, — ווינטשנ זיי. — דער אויבערשטער זאָל אײַך געבנ א כסימע טויווע.[41]

אָמיינ, גאמאטעמ![42] — ענטפערט ר׳ עליע פרום און פרײַנטלעכ.

— נאט לעקעכ... גיים געזונטערהייט אהיים, האָט א גריגנ טאָ־

נעס, און בעט עפּעס אויס, ברידערלעך, א גוט יאָר, גוטע גע-שעפטן — גיי בערקע, נעם א ביסל בראָנפן — דאָס נײַע יאָר זאָל זײַן בעסער, ווי דאָס אַלטע — וואָס טרינקסטו ניט אינגאנצן, שלימעזאַלניק דו! נא, א שטיקל לעקעך — מע טאָר ניט זינדיקן, א מענטש דארף דאנקען גאָט פאר יעדן טאָג, וואָס ער לעבט איבער...

— באָרוך אדוינוי יוימ יוימ,[46] — זאָגט אונטער באָרעך מיט א זיפץ.

— אוואדע אזוי, — רעדט ווײַטער ר' עליע — נאָר דאָך מעג דאָס נײַע יאָר זײַן א ביסל בעסער — גייט, קינדער, נעמט צו ביסלעך בראָנפן — — נו, און איך בין אײַך אַלץ מויכל, אַלץ. איר זײַט זיך אפילע ניט אָרנטלעך באגאנגען מיט מיר, נאָר גאָרניט — נא, לייב-קע, וואָס שטייסטו פונוויַיטן? — נאָר גאָרניט...

איר — אף אונדז דארפט אוואדע ניט בארויגעז זײַן, האַלט זיך עפראָים ניט אײַן.

— ניין, איר האָט זיך זייער ניט פײַן באגאנגען, — שטייט ר' עליע אף זײַנס, — דער שטרײַק — ניטאָ וואָס צו ריידן... ע — וואָס אַרט אײַך! דאָס הייסט מיט גוואַלד ארויסגעריסן בא מיר! נאָר גאָרניט. מויכל, עס גייט א יאָנקיפּער, לאָמיר בלײַבן גוטע פרײַנט.

נאָר די אַלטע ארבעטער פילן זיך באליידיקט.

— ער איז נאָך גערעכט! ער איז נאָך מויכל!

און באָרעך דערפילט, אז ר' עליע האָט אין זיך ניט א טראָפּן יידיש בלוט.

בארויגעזדיקע הייבן זיי אָן צו פארלאָזן די קאָנטאָר.

— גייט געזונטערהייט, — רעדט זיי נאָך ר' עליע און פילט, אז דער אָפּגרונט צווישן אים און זיי איז נאָך גרעסער געוואָרן. — איך זאָג אײַך, איר מעגט בעטן פאר מיר. זאָל מיר נאָר גאָט אזוי העלפן, ווי איך וואָלט אײַך וועלן גוט צאָלן. איר מעגט בעטן פאר מיר — און איר, כעוורע, — ווענדט ער זיך צו די קליינע, — זאָלט קויפן מאכ-זיירים, הערט איר!

— פּארכעס, אַלע פּארכעס, — באשליסט ער בלײַבנדיק אליין אין קאָנטאָר און קרעכצט פרום אָפּ:

— אָ — אָ — אָך!

— ע — ע — עך! — קרעכצן אָפּ די אַלטע ארבעטער אף דער גאס.

1895.

דער גרויסער מענטשנפרײַנט *

אז אלע גווירים וועלן זיך שטעלן צום גרויסן יוים האדין[47] וועט גאָט זיי פאָרשטעלן אים, דעם גרויסן גוויר, און וועט בא זיי פרעגן, אויב זיי האָבן זיך אופגעפירט אזוי ווי ער, זײַן טײַערער זון. וויל איז צו יענע, וועלכע וועלן קאָנען ארופליייגן די הענט אפן הארצן און זאָגן: „יאָ, ריבוינעשעלוילעם!" אָבער ווײ איז צו יענע, וועלכע וועלן מוזן ארפּלאָזן דעם קאָפּ און שווײַגן. א באסקאָל[48] וועט דאַן ארויס און אויסשרײַען: „ער איז מעכאיעוו אשירים — ער מאכט שולדיק אלע רײַכע!" — — —

פון דער קלענסטער ביז דער גרעסטער זאַך האָט מען געקאָנט דערקענען אין אים דעם גרויסן מענטשנפרײַנט. ער איז דאכט זיך געווען צעדרייט אפ צען וועלטן מיט הונדערטער געשעפטן און פונדעסטוועגן האָט ער זיך אימער געמישט אין אלע זאכן, וועלכע האָבן געהערט, ווי צום קלאַל, אזוי צו יעדן איינציקן מענטשן — צו יעדן, אפילע צו א סאך נידעריקערע פון אים.

ער זיצט איבער א גרויסן בוכהאלטערישן בוך און איז, דאכט זיך, שטארק פארנומען, טיף ארײַנגעטאָן, און פונדעסטוועגן גיט ער אכטונג, וואָס טוט דער בוכהאלטער און וואָס טוען די מעשאָרסים — זיי באקומען געהאלט, טאָרן זיי קיין מינוט ניט אומגיין ליידיק, אומזיסט געלט טאָר מען ניט נעמען — אויסרוען, זעט איר, וועלן זיי ניט אָנווערן, אז מע וועט פארשליסן די קראָם... נאָר ער דערזעט, ווי איינער פון זיי טרינקט קאלט וואסער און איז פארשוויצט, רייסט ער איבער זיין רעכענען און מאכט יענעם א באמערקונג, אז ווײַטער זאָל ער דאָס נישט טאָן, ווײַל ער קען נאָך א לונגען אָנצינדונג באקרמען, און אז ער וועט קראנק ווערן, וועט ער, נאטירלעך, אָנווערן די שטעלע.

* געקירצט.

מיט וואָס פאר א מענטשנפרײַנטלעכן טאָן פלעגט ער פאָרוואַרפן איינעם, ווען יענער איז מעשוגענערהייט געלאָפן אפ די טרעפּ! ער פלעגט אָנעמען יענעמ פאר דער האנט און אָפּשטעלן אים. „הע, וואָס לויפסטו, ווי א פארסאמטער? עס ברענען בא דיר דײַנע גרויסע געשעפטן, אָדער דיר פאררדריסט, וואָס דו האָסט נאָך גאנצע צוויי שטיוול?...״ דער איינער איז דאפקע בא אים קיין מעשאָרעס ניט געווען און גאָר א ווילד פרעמדער, וועלכן ער, דער מענטשנפרײַנט, האָט דאָס ערשטע מאָל געזען, א מעשאָרעס, זעט איר, איז עפּעס אנדערש. א מעשאָרעס מוז לויפן, ער באקומט דאָך דערפאר געהאלט.

איך מיין, צי איז עפּעס פאראן וואָס צו ריידן וועגן זײַן ווייכהארציקייט?!

אַן אָרעמאַן האָט אים זײַן הארץ דאָך ניט דערלאָזט אָנקוקן — די אָפּגעריסנקייט און אָפּגעשליסנקייט, די ברודיקייט און שמוציקייט האָבן געשניטן זײַן מענטשנפרײַנטלעך הארץ, ווי מיט מעסערס — עס פלעגט אים אוש נאָר עקלען דערפון! — און ער פלעגן אָפּקערן דאָס געזיכט... אָ, וואָס ער פלעג נעבעך אויסליידן א ראָשכוידעש, ווען די אָרעמעלײַט פלעגן פארדעקן די גאנצע גאס, ווי הייעשריקן! (ער פלעג טאקע זאָגן: די היישעריקן גייען שוין!)... ער פלעג זיך שוין בעסער אין גאס ניט באווײַזן א גאנצן טאָג! (אין זײַנע קראַמען פלעג מען דערווײַל ענטפערן: „ניטאָ דער באלעבאָס״) ביז לעסאָף האָט ער אויסגעפירט, אז די אָרעמעלײַט זאָלן ניט אומגיין איבער די הײַזער. אפ אן אסיפע פון די פּניי־האָיר[49] האָט ער פאָרגעלייגט, אז מע זאָל מאכען א קאָמיטעט, אין וועלכן מע זאָל טיילן נעדאָוועס די אָרעמעלײַט.

— וואָס איז בא אײַך ווערט, אז איר וועט ניט דארפן אָנקוקן די אָרעמע פּוראָניעסן[50]? — האָט ער געזאָגט צו די פּניי.

אז אן אָרעמאַן איז אַן „אָפּגעריסענע פּוראָניס״, וועט דאָך קיינער מיסטאָמע ניט לייקענען, און די פּניי האָבן גלײַך פארשטאַנען דעם ווערט און מע האָט געגרינדעט א קאָמיטעט. ער האָט פארלאנגט א לאנג שטיק פּאפּיר, אפ וועלכן ער האָט אויבן באם ברעג אָנגעשריבן מיט גרויסע אויסיעס: „כעזשבן האנעדאָוועס״, נויעך מיט זיבן גרײַזן, און אונטער די דאָזיקע ווערטער האָט ער

אונטערגעציקט אף רוסיש זײַנ מענטשנפרײַנטלעכנ נאָמענ אינ לעבנ אימ האָט ער דרוק קוועטשנדיק די פענ, צוגעשטעלט די צופער „100״. ער האָט א וואָרפ געטאָנ זײַנ בליק אף דעמ, וואָס ער האָט אָנגעשריבנ, ווי א קינסטלער ווארפט זײַנ לעצטנ בליק אף זיינ הערלעכ, שיינ בילד, איידער ער לייגט אוועק דעמ פענדזל. ער האָט צוגעציקט דעמ לעצטנ נול, פאריכט דעמ ערשטנ אָס פונ זיינ פאמיליע, נאָכאמאָל א וואָרפ געטאָנ זיינ בליק אונ דאנ אוועגעלייגט די פענ אונ אופגעהויבנ דעמ קאָפּ. ער האָט זיכ צוגעשפארט צומ ווענטל פונ שטול אונ ארומגעקוקט די ארומיקע מיט דעמ באוווסטזיינ פונ אייגענער מענטשנפרײַנטלעכקײַט.

דאָס איז נאָכ ווייניק! ער האָט באלד פראָיעקטירט, אז מע זאָל צעשיקנ פושקעס אינ אלע הײַזער, אונ יעדער זאָל זײַנ מעכויעוו צו ווארפנ אינ זיי אף די אָרעמעלײַט.

פאר א קלײַבער האָט ער געמאכט זיינעמ א נאָענטנ קאָרעוו, וועלכנ ער האָט בא זיכ אינ געשעפט ניט געקאָנט האלטנ, ווייל יענער האָט געהאט צו גרויסע הענט. „אי וואָלק סיט, אי קאָזא צעלאָ״ [51], האָט ער דערביי געטראכט, זיכ רעכענענדיק פאר דער ציג. וואָסערע אניוועס [52]...

דער „מענטשנפריינט״ האָט זיכ אינ אימ פאנאנדערגעהיצט, אונ ער האָט געשענקט נאָכ הונדערט אונ דרײַסיק רובל פאר זיינע הונדערט אונ דרײַסיק ארבעטער אונ מעשאָרסימ!... ער האָט זיי אפילע אָפּגערעכנט פונ דעמ געהאלט. נאָר דאָס איז דאָכ קיינעמ ניט נײַגייע! גלאט! דערפונ דארפ קיינער ניט וויסנ: ער האָט דאָס געלט געגעבנ, אונ די מײַסע האצדאָקע—דארפ גיינ אף זיינ נאָמענ!

פונ דענסטמאָל אָנ האָט אנ אָרעמאנ ניט געטאָרט זיכ באווײַזנ לעמ קראָמ,—ער, דער מענטשנרײַנט, פלעגט גלײַכ רופנ א גאָראָדאָווי אונ הייסנ אָפּפירנ דעמ „היישעריק״ אינ פּאָליציי. „קיינ געניוג איד ניטאָ!״ פלעגט ער שרײַענ אף די קאבצאָנימ, וועלכע האָבנ זיכ פונ זייער זייט געקלאָגט, אז זיי באקומענ פונ דעמ קאָמיטעט „מאקעס מיטאוראקעס״... אָבער אלע גווירימ האָבנ אימ געדאנקט אונ געלויבט פאר זיינ מי לעטויוועס האקלאל.

מע האָט געדארפט צוזענ, מיט וואָס פאר א שמייכל ער האָט אויסגעהערט די טײַנעס פונ זיינ ווײַב, די מאדאמ, וועלכע האָט אימ לונג אונ לעבער אויסגעגעסנ פאר דער נעדאָווע. „באלטויווע מיי-

נעכ, — האָט זי געשריִענ גאָר אפ די הויכע טענער אונ פארקרימט זיכ, — הונדערט רובל שענקט ער אפ די שלעפער! זאָלנ זיי זיכ אומשלעפנ איבער די הײַזער, וואָס גייט עס דיכ אָנ?! זיי וועלנ קומענ צו מיר, וועל איכ זיי הייסנ אראָפוואַרפנ פונ אלע טרעפ!“...

— ביסט א נאר! — האָט ער איר מיט זיינ שמייכל שטיל אונ קורצ געענטפערט — פארשטייסט קיינ געשעפט ניט.

אונ זי איז אנשוויגנ געוואָרנ.

ווי איר זעט, איז ער אימער געלעגנ אינ טויוועס האקלאל. ווענ זיינ זונ, וועלכער האָט געהאט צווייטע לעהאָטע, איז געשטאנענ צומ פריזיוו אונ האָט ארויסגענומענ דעמ ערשטנ נומער, אונ די ניט־לעהאָטניקעס האָבנ געפאָדערט פונ אימ געלט, אז ניט וועלנ זיי זיכ צעלויפנ, האָט דער מענטשנפרײַנט אויסגעפירט, אז אלע לעהאָטניקעס, ערשטע אונ צווייטע, זאָלנ מאכנ א קאסע פאר די ניט־לעהאָטניקעס. אָ, ווי מענשנפרײַנטלעכ ער האָט גערעדט צו די טאטעס פונ די לעהאָטניקעס אונ איבערצײַגט זיי, אז זיי זײַנענ מעכויעוו צו געבנ.

— איר דארפט וויסנ, — האָט ער גערעדט, — אז איכ דארפ געוויס ניט געבנ, וואָרעמ... (ער האָט באוויזנ מיט דעמ פינגער זיכ אפנ הארצנ. ווי ער וואָלט געזאָגט: „וואָרעמ איכ, בינ איכ!“...), נאָר גלאט, א ראכמאָנעס... זיי גייענ דינענ... אונ מיכ קאָנט איר דאָכ א ביסל... עט!... גיב איכ אפ זיי פינפ אונ זיבעציק רובל, אונ איר טאָרט ניט אָפשטיינ!

ער האָט דער ערשטער אָנגעשריבנ אפ א לאנגנ שטיק פאפיר זײַנ קאָשערנ נאָמענ מיט גרויסע ציפער „75“ אונ דערלאנגט דעמ פאפיר די איבעריקע טאטעס. צונויפקלײַבנדיק דאָס געלט, האָט ער עס אליינ צעטיילט צווישנ די ניט־לעהאָטניקעס. ווי מענטשנפרײַנטלעכ האָט ער צו זיי גערעדט בעשאס מײַסע!...

— ע, רעביאטא, ניטשעוואָ!... האָט געקלונגענ זײַנ מענטשנפרײַנלעכ קאָל. זאָרגט ניט!... איר וועט דינענ!... סמירנאָ!... סטרויסיא!... כע, כע, כע! איר וועט האָבנ שטשי דא קאשו... [53]
איר וועט דאָכ מיסטאָמע עסנ פונ קעסל, שקאָצימ! כע, כע, כע!.. ע, ניטשעוואָ!... פונ גויישנ עסנ ווערט מענ געזונט!...

ער האָט צוגעקלאפט אייניקע איבער די פלייצעס, אונ די רעק־

רוטן האָבן עפּעס ווי דורך א קישעם דערפילט, אז עס איז טאַקע „עָ, ניטשעוואָ!" אוועקצוגיין דינען אף לאַנגע יאָר מיט פערטהאלבן רובל אין קעשענע, וועלכע יעדער וועט באַקומען פונעם מענטשנפרײַנט.

ביכלאל האָט ער שטענדיק ליב געהאַט צו ריידן גאָר פרײַנטלעך מיט מענטשן אַסאַך קלענערע פון אים; מע האָט געדאַרפט צוזען, ווי ער פלעגט ריידן מיט זײַנע דינסטמיידלעך... נאָך קיין דינסטמיידל האָט זיך ניט געקלאָגט, אז דער־באלעבאָס זאָל ווען עס איז זאָגן א קרום וואָרט — די באלעבאָסטע גראָד.

זייער פיל האָט דער מענטשנפרײַנט געאַרבעט אף אויסבעסערן די זיטן, און דער, וואָס וועט אים נאָך הונדערט און צוואַנציק יאָר מאַספּעד זיין,[54] וועט זיך מוזן לאַנג אָפּשטעלן אף דעם. ווער, ווי ער האָט נאָך געוווּסט, וואָס הייסט שלעכטע זיטן, און וווּ שטעקן זיי?... ווער, ווי ער האָט נאָך געוווּסט, מיט וואָס מוז מען אויסבעסערן שלעכטע זיטן?!...

א שלעכטן זיט, א וואָלפישן כאַראַקטער האָט ער, צום ביישפּיל, געזען אין דעם אָרעמען אַרבעטער, שנײַדער אָדער שוסטער סטאָליער אָדער פּלאָטניק, וועלכער פלעג ניט וועלן אַרבעטן אף זיין מעקעך. דערפאַר פלעגט דער מענטשנפרײַנט רוידעפן אד־כאָרמאָ[55] יענעם אין לעבן אַרײַן. „א מענטש דאַרף ניט האָבן גרויסע אויגן! — פלעגט ער שרײַען. — אז איינער נייט אָדער בויט זיך עפּעס, וואָלטן „דיעזע מענטשנפרעסער" — אזוי האָט ער זיי גערופן — וועלן רײַך ווערן און אַראָפּשינדן פון יענעם די הויט!"...

בא אן אָרעמאַן, א מעטופל מיט קינדערלעך — קליין־קליין־קלענער, האָט זיין סאַרסער[56] אַרויסגעפירט די בעהיימע פון שטאָל פאַר פּראָצענט און דעם אנדערן האָט ער אַרויסגעוואָרפן אפן גאַס פון זיין קליינעם, כאָרעוונ הײַזל, וואָס איז געבליבן דעם „אָנזעצער" בעיערושע פון זיין עלטער־עלטער־באָבען.

— א מענטש, ווען ער לײַט דאַרף קאָנען אָוועקגעבן, — האָט דער מענטשנפרײַנט זיי געענטפערט, ווען זיי זיינען געקומען בעטן בא אים ראַכמאָנעס. — קאָנט איר ניט אוועקגעבן, האָט איר ניט געדאַרפט לײַען!...

אווכיין[57] — שלעכטע זיטן דאַרפן געשטראָפט ווערן.

ער אליין האָט שוין צווײ מאָל אָנגעזעצט — אָבער די בוכהאל־

טערישע ביכער באווײַזנ שוואַרצ אפ ווײַס, אז קיינער האָט ניט וואָס צו ריידנ.

די מעשאָרסימ אינ זיינע קראָמענ אונ די ארבעטער אינ זיינ פאבריק האָבנ געמוזט ארבעטנ פונ זיבנ אינדערפרי ביז איינס — צוויי באנאכט, אונ געהאַלט האָבנ זיי באקומענ, קוים אפ צו דער־האַלטנ די נעשאָמע. דער מענטשנפרײַנט האָט גוט איבערייגט, אז די לײַטלעכ וועלנ דאָס איבעריקע געלט אונ די איבעריקע צײַט פאר־ברענגענ אפ שיידימ ווייסנ וואָס. ווי גליקלעכ וואָלט ער זיכ גע־שעצט, ווענ ער וואָלט דאָס געקאָנט אויספירנ מיט זיינע אייגענע זינ, וועלכע האָבנ געלט, געזונט אונ צײַט אויסגעבראכט, די גאנצע שטאָט, ניט נאָר שיידימ ווייסנ אפ וואָס. אָבער וואָס קאָנ מענ טאָנ מיט אייגענע קינדער? קענ מענ דענ זיכ שלאָגנ מיט זיי?

ווענ די מעשאָרסימ אונ די ארבעטער האָבנ זיכ אימ געקלאָגט, אז זיי ארבעטנ צופיל, האָט ער גאנצ רעזאָניש, ווי די מײַסע איז, געענטפערט, אז פונ ארבעטנ ווערט מענ ניט קראנק. פארקערט, מע ווערט נאָכ געזונטער. אזוי וויל וואָלט אימ געווענ, ווענ ער וואָלט קאָנענ ארבעטנ — ער וואָלט דאנ געווענ אינ פינפנ געזונטער! „נאָר אויב אייכ געפעלט ניט, — האָט ער זיי צוגעגעבנ, — טאָ קאָנט איר זוכנ עפעס בעסערס — איכ האַלט אײַכ ניט!“ — אונ גלײַכ האָט ער זיי דערמאָנט, אז אומגייענדיק ליידיק וועלנ זיי צעשטארבנ פונ הונגער.

ווענ די זעלביקע האָבנ זיכ געקלאָגט אפ ווייניק געהאַלט, האָט ער גלײַכ געפונענ אנ איינפאכנ טערעצ: „ניטאָ קיינ ווייניק!“ וואָס הייסט „ווייניק“?! א מענטש דארפ קאָנענ לעבנ מיט וויפל עס איז! א מענטש מיט פארשטאנד דארפ קאָנענ אײַנטיילנ! א ביסל א וואָלוועלערע דירע... מע עסט ניט קיינ מארצעפאנעס[58] עס דארפ ניט אויסמאכנ, ווי מע איז אָנגעטאָנ... אזוי ווערט אימער זיינ געמוג!.. פארוואָס ארט מיכ ניט, וואָס איכ עס אונ אינ וואָס איכ גיי?! — האָט ער אויסגעשריענ, פאַנאנדערמאכנדיק די הענט, אפ וועלכע עס האָבנ געפינקלט בריליאנטענע רינגענ...

גאָר איינפאכ האָט ער געענטפערט צו אייניקע, וועלכע האָבנ זיכ אימ געקלאָגט, אז צו זייער קליינעמ געהאַלט האָבנ זיי אָבער פיל קינדער. „קינדער?— האָט ער אויסגעשריענ שטארק נישטוימעמ. — ווער הייסט אײַכ קינדלענ?!... פארוואָס האָב איכ ניט קיינ סאכ קינדער?!“...

און די אָרעמע האָבן נעבעך געמוזט שווייַגן, ווייַל אַלע האָבן געוווּסט, אַז די מאַדאַם ווייס פֿון עפּעס אַ סגולע, אַז מע זאָל קיין קינדער ניט האָבן. מיילע, זיי זייַנען באַ זיך גאָטס סטריאַפּצעס און ווילן ניט זייערע נעשאָמעס פאַרקויפן, דאַרף ער דערפאַר וואָס? קאָרמענען זייערע קינדער?!

נאָך אַזעלכע רעזאָנען[59], עמעסע און ערלעכע טשוועס, פֿלעגן די אַרבעטער, געוויינלעך, ניט האָבן וואָס צו ריידן, און מיט שווערן געמיט פֿלעגן זיי מוזן לעסברייערע אומקערן זיך צו זייער אַרבעט, טראַכטנדיק: ווי קאָן מען קלייַבן קויעך פֿון אַכצנשאָ־עדיקער אַרבעט? ווי קאָן מען זיך אייַנטיילן און ניט עסן קיין מאַר־צעפּאַנעס, ווען עס כאַפּט קוים אַף ברויט ביט וואַסער?... ווי קאָן מען וווינען אין אַ וואַלוועלערע דירע, ווען די איז אויך קאַלט און פֿינצטער, ענג און נאַס, און ערשט ניטאָ וואָס צו צאָלן? ווי קאָן ניט אויסמאַכן, ווי מע איז אָנגעטאָן, אַז עס איז ניטאָ קיין העמד אַפן לייַב?... און ווי קאָן... נאָר דאָס האָבן זיי ניט פֿיל געהאַט צו טראַכטן. די אייַנטיילעניש מיט דער דירע האָבן אָפּגעפירט איינ־קע קינדער אַף יענער וועלט און פאַרקלענערט דאָס געזינדל, און דער געקליבענער קויעך האָט זיי אַליין פאַרקירצט די יאָרן. אָבער דאָס זעט איר, איז שוין ניט שייַעך צום מענטשנפרייַנט! דאָס איז שוין אַ גאָט־זאַך!... אַז עס איז באַשערט צו שטאַרבן, שטאַרבט מען!..

דאָך, ניט פֿון אַלע זייַנע מענטשנפרייַנטלעכע טאַטן, ניט פֿון אַלע זייַנע מייַסים־טויווים האָט מען באַ אים געוווּסט. קיינער האָט, צום ביישפּיל, ניט געהערט אים באַרימען זיך דערמיט, וואָס ער גיט אייַ־ניקע דינסטן אַף ערציִען „זייערע" קינדער...

—

איך מיין... אַז צו זייַנע מייַסים־טויווים איז גאָר קיין שיר ניטאָ!.. טאַקע טויזנט אייגן נאָכט צו דערציילן!..

האָבנדיק הונדערטער געשעפטן, האָט ער גענומען אַף זיך פֿונ־דעסטוועגן צו זיין אַ שאָליש—דאָס הייסט, באַ אים זאָל מען אייַנ־לייגן געלט. ער האָט געצאָלט קליינע פּראָצענטן, פֿונדעסטוועגן האָט מען צו אים געטראָגן פֿון דער גאַנצער שטאָט און אַפילע פֿון די אַרומיקע שטעטלעך. ער איז געווען ראַיעל, ווי אַן אייַזערנער קאַסטן; די אַלע איבעריקע גווירים, באָרוכאַשעם, האָט מען אַ קאָפּיקע ניט געטאָרט גלייבן. אַגעוו, פלעגן זיי ניט זיין ערלעכע שלישים און אָפּט

ארויסגעבן דאָס שלישים־געלט איינ צאד אליינ. ער האָט דאָס בע־שומויפן ניט געטאָנ. „ניינ, מיינ טײַערינקע,—פלעגט ערריידנ צו זיינ אָרעמער קאלע, וועלכע איז געקומענ בעטנ בא אימ עטוואָס געלט אפ כאסענע־קליידער אונ אפ כאסענע מאכנ, אז ניט איז איר גע־קומענ גיינ טרינקענ אָדער הענגענ זיכ,—ניינ, ליבינקע, דאָס קאָנ איכ ניט טאָנ! בעשומויפן ניט! אָנ דעמ כאָסנ גיב איכ ניט! זעסטו, דאָס גראָד—מיינע קראָמענ זיינענ אָפנ פאר דיר: קויפ דיר, וואָס דו יויקסט אונ וויפל דו ווילסט—איכ וועל שוינ דיר באָרגנ!”

קאלע פלעגט אימ שיר די הענט ניט קושנ — אזא טויווע! עפּעס א קלייניקייט? פּאַשעט דאָס לעבנ געראַטעוועט!..

סכוירע פלעג זי שוינ באקומענ, געוויינלעכ, ווי אָנ געלט... נאָר... ער איז עפּעס מעכויעו איר צו באָרגנ?.. נאָכ אויסקלײַבנ בא אימ אונ דרייענ די נאָז?!

אז דאָס יונגע פּאָרפאָלק פלעגט קומענ נאָכ שלישים־געלט, פלעג ער אראָפּרעכענענ די סומע, וועלכע קומט אימ פונ דער קאלע מיט די פּראָצענטנ פונ דעמ טאָג, וואָס זי האָט די סכוירע געקויפט, אונ מיט א קוסטיקנ שמייכל פלעגט ער ווינקענ דעמ יונגנ ווײַבל, ווי ער וואָלט איר געזאָגט: „אהא, מיר האָבנ אימ, דאָס יונגע בעקעלע, גוט ארײַנגענארט!.. איצט וועט ער שוינ נעמענ, וואָס מע גיט אימ, ווי א טאטע”... דאָס ווײַבל פלעג טאקע אויכ אונטערשמייכלענ. פאר דער כאסענע וואָלט דער כאָסנ מאכנ א קאראול אונ וואָלט נאָכ ניט וועלנ גיינ צו דער כופע: מע נארט אימ אינ נאדנ!

אָפּגעבנדיק דאָס געלט, פלעג ער אָנווינטשנ אלעס גוטס מיט אסאכ טויזנטער. „נאָר ביזוואנעע וואָס—פלעג ער ענדיקנ זיינע וויג־טשעוואניעס מיט זיינ זיסנ מענטשנפרײַנטלעכנ שמייכעלע,—ביזוואנענ איר וועט האָבנ די סאכ טויזנטער, זעט, שיט ניט מיט קיינ קינדער!.. אנ אָרעמאנ, וועלכער קינדלט, איז גלײַכ צו א הונגעריקנ וואָלפ, וועלכער פלאָדיעט אָנ נאָכ הונגעריקע וועלפעלעכ!.. אָנ א גערעכ־טער!..” פלעגט ער שוינ ארויסריידנ ערנסט, אונ דעמ יונגנ פּאָר־פאָלק פלעגט זיכ בײַטנ די פארב אינ געזיכט.

אינ דעמ הונגער־יאָר, ווענ די אָרעמעלײַט האָבנ געמאכט א שרעקלעכע „האכצאאקאָכאָ”[60], האָט דער ראָוו געמאכט אנ אסיפע פונ אלע גווירימ; ער, אונדזער מענטשנפרײַנט, איז געווענ דער פּרעזי־דענט—דער יוישעוו־ראָש[61]. נאטירלעכ, איז זיינ נאָמענ געשטאנענ

דער ערשטער אפ דעמ לאנגנ שטיק פאפיר, וואס איז געלעגנ לעמ אימ, אונ אפ וואט די ארעמעלייט האבנ זיכ אויסגעקוקט זייערע אויגנ. ער האט אוועקגעשטעלט לעמ זיינ נאמענ די ציפער „300" אונ גלייכ ארויסגענומענ פונ זיינ בוזעמ־קעשענע א פאק מיט געלט. ער האט ארויסגעשלעפט דריי הונדערטער אונ, קנייטשנדיק יעדע אסיגנאציע— אויב עס איז כאסוועשאלעמ ניט קיינ צוויי פאפירלעכ, אונ דערוויילעפ זאל מענ זענ—אוועקגעלייגט זיי לעמ דעמ ראוו. דער ראוו האט געזאגט א ווארעמע רעדע, אונ די גווירימ האבנ אימ שטארק געדריקט די האנט. ער האט געהאלטנ אפ זיינע ליפנ זיינ מענטשנפריינטלעכנ שמייכל, וועלכער האט אויסגעדריקט באוווסטזיינ פונ זיינ מענטשנפריינטלעכקייט.

פאר דעמ צונויפגעקליבעטמ געלט איז געבליבנ אפ דער אסיפע צו מאכנ א ביליקע קראמ פאר די גויטבאדערפטיקע, אונ די סכוירע אופצוקויפנ בא אימ אינ די קראמענ. נאר אונדזערע יידעלעכ, אונ דערהויפט נאכ די „אפגעריסענע פוראניעסנ", בא וועלכע ציבעלע אונ קנאבל זיינענ בעסער אלס מאנ[62], זיינענ דאכ שטענדיק ניט צופרידנ. די גויטבאדערפטיקע האבנ זיכ געקלאגט ז״ז דער סכוירע אונ אופגעהערט צו קויפנ פאר זייער בלוטיק געלט אינ דער ביליקער „צדאקע"־קראמ. זיינ געוויסנ האט אבער ניט געקאנט ליידנ דערפונ — איז ער עפעס שולדיק, ווענ די „פוראניעסנ" ווילנ נאר מארצעפאנעס ?!..

1892.

לידער אין פּראָזע *

דער ארבעטער שרײַבט!

פאר מיר ליגט א צײַטונג. דאָס פּאפּיר איז שלעכט, און נאָך שלעכטער איז דער דרוק. אין די שורעס פעלן ווערטער, אין די ווערטער פעלן אויסיעס, און אינגאנצן איז עס פארשמירט, אײַנגע־ריכט, פארפלעקט. די ערגסטע מאקולאטור פון א הײַנט־מאָדישער דרוקערײַ איז פיל ריינער און דײַטלעכער.

און איך האלט די צייטונג, בלעטער זי, ווענד זי אום הין און צוריק, קוק זיך אײַן אין די פארשמירטע שורעס און לייען און לייען. פארוואָס קלאפּט מיר דאָס הארץ? ווירקלעך, עס קלאפּט דאָס הארץ. מיט הונדערטער יאָרן צוריק האָט בא די לעזער פון דעם ערשטן געדרוקטן בלאט אויך אזוי געקלאפּט דאָס הארץ. באשטימט. זיי האָבן געשפּירט די נײַע צײַט, וועלכע איז אָנגעקומען מיט די גע־דרוקטע שורעס.

איך שפּיר עס אויך.

ארבעטער אליין האָבן זי געשריבן, די פארשמירטע צײַטונג, וועלכע איך האלט מיט ציטערנדיקע הענט און לייען מיט אזא קאַ־וואָנע. ארבעטער אליין האָבן זי געשריבן און באהאלטענערהייט גע־זעצט און געדרוקט.

ארבעטער אליין!

ווי נעם איך דעם מאָלער, וועלכער זאָל מיר אָפּמאָלן דעם אר־בעטער־שרײַבער, ווי ער זיצט שפּעט באנאכט פאר א טונקעלער לאָמפּ איבער א פעטן פּאפּיר און שרײַבט און שרײַבט?!

איך זע אים, דעם ארבעטער, איך פיל אים, איך פיל אים!..

---

* געקירצט.

* * *

דעם גאנצן טאָג בא דער ארבעט האָט אים ניט אָפּגעלאָזן דער געדאנק, אז היינט באדערנאכט וועט ער ענדלעך שרייבן. שוין א סאך טעג און נעכט, אז ער באקלערט, וואָס ער וועט שרייבן. און היינט טראָגן זיך אים ארום אין קאָפּ די אלע געדאנקען, לויפן ארום, יאָגן, שטופּן איינער דעם אנדערן.

ער זאָל זיי נאָר ניט פארגעסן.

און ער כאַזערט איינע יעדן געדאנק, טראכט אים ארום, און עס באוויזן זיך אלץ נייע און נייע. ניין, ער וועט ניט פארגעסן. זיי ליגן בא אים שוין צו גוט אין מארך, אין די ביינער, אינעם בלוט.

ער טראכט און טראכט. מיט וואָס פאר א פארגעניגן וואָלט ער געוואָרפן די ארבעט און זעצן זיך שרייבן. ווייס ער דען, וואָס ער ארבעט איצט? זעט ער דען, ווי עס פליט אום דאָס שיפל?

קוים דערלעבט די נאכט!

געקומען איז ער פון דער ארבעט טויט־מיד, און קוים איז ער אריבער די שוועל פון זיין וווינונג, האָט ער שוין גענומען זיך פאר די טינט־און פעדער.

פארשימלט די פען, פארשטויבט דער טינט, נאָר דאָס איז אלץ פון די קלייניקייטן. ער איז סיי־ווי־סיי ניט פון די פלינקע שרייבער.

אָנגעארבעטע הענט, מיט מאָזאָליעס די דלאָניעס, די פינגער פארמאטערט. נאָר שרייבן וועט ער, אך, וועט ער שרייבן!.. מיט די שפּיץ פינגער האָט ער איינגעדריקט דאָס הענטל און גענומען זיך צו דער אומגעוויינלעכער ארבעט.

ער האָט געשריבן פון שטרייקן, פון ניצכוינעס, פון ארעסטן; ער האָט געזידלט די באלעבאטים, געשאָלטן די רעגירונג, געפלוכט יעדן אונטערדריקער, ער האָט באקלאָגט די אומגליקלעכע שקלאפן, גערופן צו אכדעס, געפאָדערט צום קאמף.

אין קאָפּ האָט אים געטראָגן, געקלאפּט, געזוצט. ער האָט פארגעסן דעם גאנצן מידן טאָג, די שווערע הענט, די ווייטעקדיקע פינגער. ער האָט דערפילט, אז זיינע פּלייצעס ווערן ברייטער, זיינע הענט—געזונטער און געזונטער.

און ער שרייבט! אך, מיט די ברייט־געוואָרענע פּלייצעס און מיט די געקרעפטיקטע הענט וואָלט ער דאך איצט אופגעהויבן אלע

זײנע פֿארקנעכטעטע, פארנ טאָג־ברויט פארקויפטע ברידער, אונ זײ־ ערע קײטנ צעריסנ, דעם פײַנט וואָלט ער 'צעשלאָגנ, יעדע אונטער־ דריקונג פונ דער וועלט פארטריבנ!..

ער פילט אינ זיכ דעם קויעכ, ער האָט די גוווּרע.

אונ ער שרײַבט אונ שרײַבט.

אינ דעם געפלאצטנ גלאָז־לאָמפּ איז א לאָכ; דאָס לאָכ איז פאר־ קלעפּט מיט פאפיר. דאָס צוגעקלעפּטע פאפיר איז אָנגעברענט, דאָס גלאָז איז פארויכערט, דער טיש איז קוים באַלויכטנ.

די מאמע ליגט אינ בעט אונ קלאָגט זיכ: ער וועט אויסברענענ דעם גאנצנ לאָמפּ, אונ קעראָסינ קאָסט טײַער. די עלטערע שוועסטער ליגט לעמ דער מאמענ אונ בײזערט זיכ, זי וועט אראָפּגײנ אונ וועט פארלעשנ דעם לאָמפּ, ווײַל זי קאָנ ניט שלאָפנ פאר פײַער. דער טאטע ליגט אפ דער הילצערנער באנק אונ סטראשעט, ער וועט אופ־ שטײנ אונ צערײַסנ די גאנצע קסיווע.

אײַזיק שעפּטל *

(דראמע)

I

באגעגעניש פונעם באַלעבאָס נאָטע גאָלדינ מיט דעם ארבעטער־דער־פינדער אײַזיק שעפּטל

(פונעם ערשטנ אקט)

אינדערהײם בא אײַזיק שעפּטלענ

אײַזיק (לײגט אװעק די ארבעט אונ הײבט אָנ ארומצוגײנ איבערנ צימער. ער בײַסט זיכ די ליפּנ, דריקנדיק זײ מיטנ צײַגער־פינגער פונ דער רעכטער האנט אָנ די צײנ, אונ מיט דער לינקער האנט פירט ער זיכ איבער דעם שטערנ אונ די האָר)

בײלע (קוקט אימ נאָכ, איראָניש). אָט־אָ־דאָ אָ, אָט־אָ־דאַ אָ, העהעהע. — מינעסטאמע ארויסקומענ אינ 10 כאדאָשימ ארומ װי די פרעס. — אויב עס װעט איבערהויפּט ארויסקומענ. — אָט־אָ־דאָ אָ, אָט־אָ־דאָ אָ! — גאָרנישט, געמאכט זיכ א יאָנטעװ.

אײַזיק (בלײַבט שטײנ). טאָמער װעסטו אמאָל אופהערנ צו רײדנ? (גײט װײַטער).

בײלע (אופגעבראכט). װעסט מיר עפּשער פארשטאָפּנ דאָס מויל, איכ זאָל שוינ א װאָרט ניט־ ארויסרײדנ, הא?! נא, נו, פארשטאָפּ מיר דאָס מויל, פארשטאָפּ, נא! „טאָמער װאָלסטו אופהערנ צו רײדנ!" איכ בינ א נאר, אז איכ רײד! געדארפט נעמענ אָט די גאנצע מאכערײַ אונ צעברעכנ ביז א האָר, װאָלט איכ דעמלט פארשפּאָרט צו רײדנ.

---

* געקירצט, די קעפּלעכ — פונ צונויפשטעלער.

אייזיק (דריקט די ציינ, קנײטשט דעמ שטערנ אונ גייט אוס).

בײלע. ווען איכ זאָל דאָס דערצײלנ, וועט מענ מיכ דאָכ האלטנ פאר א מעשוגענער, וואָס איכ לאָז דאָס גאָר צו! גאָרנישט, מאכנ זיכ א יאָנטעוו אונ נישט גײנ דרײַ טעג צו דער ארבעט! איכ וואָלט זאָגנ, אז ער וועט ארײַנכאפּנ דערפונ די גרויסע גליקנ. גאָרנישט! אָפּגעארבעט אפ דער פּרעס צענ כאדאָשימ נאכט אינ נאכט—אונ וואָס? געקראָגנ וועלכע צוואַנציק קאר־באָנצעס אונ רײַכ געמאכט גאָלדינקענ! אונ וואָס האָסטו געהאט פונ דער פּעטליצעס־מאשינקע? אפ אסאכ מער קעראסינ פאר־ברענט!

אייזיק (גייט צו צומ טיש אונ נעמט זיכ פאר די רעדלעכ, אָנשפּארנדיק זיכ מיטנ קני אינ שטול).

בײלע (געלאסענער). מע זעט, אז עס גייט נישט, ווארפט מענ עס קטשאָרטו אונ א מײַסע מיט א סאָפ אונ מע גייט צו דער ארבעט, נישט דרײַ טעג...

אייזיק (הייבט ווידער אָנ ארומצוגײנ).

(אלע שווײַגנ)

נאָטע גאָלדינ (קומט ארײַנ. אנ עלטערער ייִד מיט פּייעס, א ברייטע באָרד אונ געדיכטע אונטערגעשאָרענע וואָנצנ; א סאמעט היטל אפנ קאָפּ. די הויזנ אינ די שטיוול, א לאנגער שווארצער סורטוק מיט פעטע פלעקנ, צוגעקנעפּלט אפ דעמ אויבערשטנ קנעפּל; איבער דעמ סורטוק א לאנגער, אָפּגעקנעפּלטער שווארצער מאנטל מיט לאנגע קעשענעס; א ווײַסער אָפּגעלייגטער קראגנ. אפ דעמ קראגנ ליגט דאָס שווארצע שנירל, אפ וועלכנ עס הענגט זײַנ קעשענע־זייגער; אויסער דעמ הענגט דער זייגער אפ א שווערער זילבערנער קייט, וועלכע זעט זיכ ארויס פונ די פאנאנדערגעעפנטע פּאָלעס. די הענט האלט ער דאָס ראָוו אינ די קעשענעס אונ ווענ ער רעדט רויִק אָדער העפטיק, שלעפּט ער אונ ציט אונ ווארפט אומ מיט די פּאָלעס. זײַנ געזיכט איז אָנגערוקט, ער רעדט ווי באַרויִגנ נאָר זעלטנ א וואָרפ טוענדיק א בליק אפ דעמ, מיט ווענ ער רעדט).

אייזיק (גיט זיכ א בערוועזנ טרייסל, ווענ ער דערזעט גאָלדינענ).

בײלע (קוקט אפ אייזיקנ מיט ביצאָכנ, ווי זי וואָלט וועלנ זאָגנ: „אָט האָסטו דיר, נא זי").

גאָלדינ. נא, נו, דו שפּאצירסט דאָכ גאָר ארומ.

בײלע (איראָניש). דאָס באקלערט ער אזוי.

גאָלדינ. די גאנצע דרײַ טעג באקלערסטו דאָס אזוי?

בײלע. אָט־אָ־דאָס האָט ער אויסגעמײַסטערט. (הייבט אומ די רעדלעכ מיט די העלצלעכ אונ שיט זיי אויס אײַנציקווײַז צוריק אפנ טיש).

גאָלדינ. (גייט צו צום טיש און באטראכט די ארבעט).

אייזיק (גייט אויך צו צום טיש, קוקט אפ גאָלדינס הענט מיט דער פריערדיקער פאר־טבאכטקייט, אָבער מיט דעם אויסדרוק פון פארדראָס, וואָס גאָלדינ באַרירט די ארבעט).

גאָלדינ. וואָס איז דאָס אזוינס?

אייזיק. א מאשינקע.

גאָלדינ. א מאשינקע! איך זע, אז ניט קיינ לאָקשנברעט. וואָס פאר א מאשינקע?

ביילע. זאָל ער אזוי וויסנ פונ זיינ קאָפּ, ווי ער ווייסט אליינ. פאָרקעט זיך און פאָרקעט זיך...

גאָלדינ. דו מוזט דאָך וויסנ, וואָס דו מאכסט. וואָס איז דאָס פאר א מאשינקע? פאר טעמליאקעס?

אייזיק. ווייסט איר דאָך.

גאָלדינ. און בא דיר זיינען די ווערטער טייער?

אייזיק (נעמט ארויס די מאשינקע פונ גאָלדינס האנט און הייבט אָנ עפּעס צוזאמענ־צושטעלנ).

גאָלדינ (קוקט אים נאָך).

ביילע. אָט אזוי אָ זיצט ער די גאנצע דריי טעג און קוים וואָס מע קריגט בא אים ארויס א וואָרט. איז אופגעשטאנענ זונטיק גאנצ פרי מיט אימפעט: אים איז איינגעפאלנ א טייערע זאך! און נישט איינגעוואשנ זיך און נישט געדאווענט און ג׳זכאפט זיך פאר דער ארבעט. ער איז דאָך אזוי מעשוגע, ווי זיינ טאטע. אים, אז עס שפארט עפּעס אָנ...

גאָלדינ. ניינ, ער פלעגט דאָך שטענדיק מייסטערנ באנאכט — וואָס איז אים יעצט איינגעפאלנ גאָר באטאָג און צו דער ארבעט נישט גיינ?

[בייל]ע. זאָל איך אזוי וויסנ פונ זיינ לעבנ! טאָג אזוי ווי נאכט, די גאנצע דריי טעג זיצט ער און פאָרקעט זיך, שניצט און מייסטערט, מייסטערט און שניצט. עס איז אים נישט אָפּצורייסנ פונ אָרט. און איך וואָלט זאָגנ, ער האָט עפּעס דערפונ. מיר ווייסנ שוינ די גרויסע גליקנ, וואָס ער האָט ארייַנגעכאפּט פאר זיינע ערשטע צוויי מאשינעס.

גאָלדינ. נא, איך האָב אים נישט געבעטנ. פאר מיר איז גלייכער, אז ער זאָל זיצנ און ארבעטנ. בא מיר איז יעצט ארבעט ארי־

בער אונ אריבער אונ דאָ מוז זיינ שטול שטיינ ליידיק. וואָס איז? אייזיקנ האָט דער טיוול פארדרייט! ער וויל נישט אר־בעטנ? איז א מייַסע מיט א סאָפּ, ווייט איכ עס, זעצ איכ אנ אנדערנ אפ זיינ אָרט. אונ איכ בינ טאקע געקומענ דיר צו זאָגנ, אז אויב דו וועסט הייַנט־מאָרגנ נישט קומענ צו דער ארבעט, זעצ איכ אנ אנדערנ, איכ קאָנ נישט ווארטנ. די קונדנ ווארטנ מיר אויכ נישט.

ב יי ל ע. איכ האָב געוווּסט, אז דאָס וועלנ מיר האָבנ פונ זיינע מאשינעס.

ג אָ ל ד י נ (באטראכט די ארבעט אינ אייזיקס האנט). איז וואָס וועט עס זייַנ? טאקע פאר טעמפּיאקעס? (קריכט אייזיקנ אינ די הענט) באווייַז גאָר, וואָס ווילסטו דאָ מאכנ.

א יי ז י ק (יעסורעמדיק). איר וועט דאָ גאָרנישט פארשטיינ. איר וועט שוינ זענ פארטיקערהייט.

ג אָ ל ד י נ. וועט עס דענ אמאָל פארטיק ווערנ?

ב יי ל ע. מינאסטאמע, אז מאָשינעכ וועט קומענ. וועט זיכ ציִענ ווי די פרעס...

ג אָ ל ד י נ. נא, איכ האָב מייַנס געזאָגט. פונ מייַנעטוועגנ מעג עס יעצט דויערנ כאָטש וויפל צוויי פרעסנ. נישט מייַנ דייַגע.

ב יי ל ע. איכ ווייס, אז דאָס איז נישט אייַער דייַגע. וואָס זאָל עס זיינ אייַער דייַגע? די מאשינקע וועט סייַ־ווי־סייַ צו אייַכ אָנ־קומענ.

ג אָ ל ד י נ (ווענדט זיכ אינ פּיניעס זייַט, הערט זיכ צו צו ביילעס רייד, מאכט א באוועגונ עפּעס צו זאָגנ איר, מאַכט מיט דער רעכטער האנט אינ קעשענע, טשמאָקעט מיט די ליפּנ, בלינצלט מיט די אויגנ: „נישטאָ, הייסט עס, מיט א ייִדענע וואָס צו ריידנ"; דאנ פרעגט ער). נא, ווי גייט עס דיר, פּיניע? (פּיניע איז איי־זיקס פאָטער, אראָפּ פונ זינענ.—ש. ק.).

פ י נ י ע (שטעלט אפ אימ אָנ זייַנ בליק אונ הייבט אָנ לאנגזאמ צו רעדנ). דער הימל איז געשטאָרבנ, די ערד איז געשטאָרבנ, גאָט איז געשטאָרבנ...

ג אָ ל ד י נ. שא, שא, פע, וואָס רעדסטו פאר א ווערטער! וואָס לאָזט מענ אימ רעדנ אזעלכע ווערטער?

ב יי ל ע. פאר אונדז איז גאָט געשטאָרבנ.

ג אָ ל ד י נ (אופגעבראכנ). וואָס איז—וואָס איז—וואָס איז עס פאר א ווערטער? ווי רעדט עס אזוי א מענטש?

ביילע. עס, אלצייגס.

גאָלדינג. טפיו, אפ מיין וואָרט! ווי־ווי־ווי... א, נו! נע... דערפאַר שטראָפט עס אזוי גאָט...

ביילע (ווישט זיך די אויגן מיטן שפיץ פון איר קאָפּטיכל). אזוי אָדער אזוי, אונדזער לעבן איז שוין סײַ־ווי־סײַ פארשפּילט.

גאָלדינג (דרייט מיטן קאָפּ און מיט די אקסלען). נא! (גייט צו דער טיר). טיק זאָג איך דיר באָכאמאָל, איך וועל קיין סאך נישט ווארטן. קומסטו נישט הײַנט־מאָרגן צו דער ארבעט, זעץ איך אן אנ־דערן אפ דײַן אָרט. איך—איך—איך... נא! (קושט די מעזוזע און גייט אוועק).

באַגעגענישן פון די ארבעטער מיט אייזיק שעפּטלען

(פון צווייטן אקט)

אין ווארשטאט

מאלקע און טעמע (פון לעבן פענצטער). אייזיק גייט, אייזיק גייט! (אלע אײַלן צום פענצטער. מיכל שטייט אום פון דער פאַדלאָגע. מע שרײַט:) באָ־רעכאבע, אייזיק! — שאָלעם אליכעם, אייזיק! האָסטו די מא־שינע?

סענדער. ער גייט דאכט זיך אָן א מאשינע.

הילע. ער גייט מיר עפּעס מיט אן אראָפּגעלאָזענער נאָז. (אלע שטעלן זיך אויס אנטקעגן טיר).

זעליק. מיר וועלן אים מעקאבל זיין מיט א הורא און מיט א מארש.

אייזיק (קומט ארײַן, בלייך, טרויעריק, נידערגעשלאָגן. א פריילעכער „הורא״! באַ־גריסט אים).

זעליק (הייבט אָן צו טראָמפּייטן מיט די ליפּן א מארש, מאכנדיק מיט די הענט, ווי א קאפּעלמײַסטער).

יאָשקע און טעמע (זינגען אונטער).

אייזיק (גייט ארויס פון דעם רעדל נאָך טרויעריקער און נידערגעשלאָגענער און גייט צו דעם פאָרנטן וועבשטול לינקס. קעמפט מיט זיך, נישט צו צעשרײַען זיך).

בערע. וואָס איז עס מיט דיר, אייזיק? — ווו איז דײַן נײַע מאַשינע?

אייזיק (ענטפערט נישט).

הילדע. אפּאַנעם, אז מיט דער מאשינע איז עס שוואַך.

אייזיק (אראָפּוואַרפנדיק פון זיך דעם קאַפּעלױש, בייז און ביטער). „שרײַט „הורראַ", שרײַט!

פייוויק. איז נאָך די מאשינע נישט פארטיק?

הילדע. איז זי נאָך נישט פארטיק אָדער ווערט זי קיינמאָל נישט פארטיק ווערן?

זעליק. אָדער האָט די פּלויניסטע ארויסגעטריבן פון שטוב?

סענדער. אָדער דו ביסט שוין טראָגעדיק מיט א נײַער מאשינע?

אייזיק (אײַסעקנדיק זיך ארום דעם שטול, בייז). וואָס זײַט איר צוגעשטאַנען? וואָס איז עס אײַך דײַגע?

מיכל. טאקי וואָס? וואָס? וואָס?

זעליק. שא, אונדזער "ינזשעניער איז נישט צו שפּרעכן. ששש, שטיל... (גייט אַף די שפּיץ פינגער, הויך הייבנדיק די פיס.

א וועקער קלינגט: צײַט צו ארבעטן. מע צעגייט זיך צו די פּלעצער. מיכל און בערע בלײַבן לעבן אייזיקן, זיי קוקן זיך אין די בערד פארזאָרגט און ריידן נישט קיין וואָרט).

אייזיק (זעצט זיך צו דער ארבעט).

מיכל (קוקט אים טרויעריק אָן). — איז גאָרנישט? — וואָס, א שווערע מאַשינקע? — דארף אסאך דויערן? (אז ער קריגט ניט קיין ענטפער, זיפצט ער אָפּ און לאָזט ווידער אראָפּ די אויגן אין באָרד).

בערע (זיפצט אויך אָפּ. דאן גייען זיי ביידע צו זייערע וועבשטולן; מיכל לעבן אייזיקס שטול, בערע צ'ם וועבשטול רעכטס).

ארקע (באוויַזט זיך אין דער טיר. באמערקנדיק אייזיקן גיט ער א מאך מיטן קאָפּ ווי: „אהא, ער איז דאָ !" מאכט א באוועגונג ארײַנצוגיין אין צימער, דערמאָנט זיך אָבער עפּעס און גייט אוועק צוריק אין געשעפט).

זעליק (מיט א לוסטיקן זיפצ). אָך, די מאשינע האָט זיך ניט אויסגעמאשינקעט.

מאַלקע. דערוויַילע דריטהאלבן טעג נישט געארבעט.

הילדע. זאָל זיך אים נישט וועלן זיין קיין אויסטראַכטער.

פייוויק. דאָס איז לײַכט צו זאָגן. עס וויל זיך ניט, עס ליגט שוין אזוינס אין דעם מענטשן. איך ווייס, אז איך בין געוועזן א קליין ייִנגל האָט זיך מיר שטארק געוואָלט ווערן א מאָלער...

סענדער. עפּשער אַ מילער און מאָלן מיט די ציין?
ליוויק. ווי איך פלעג קריגן אַ שטיקל פּאַפּיר, פלעג איך מאָלן: מענטשן, סאָלדאַטן, פערד.
הילליע. זיך הייסט עס.
ליוויק. אינדערהיים און אין כיידער פלעגט מען מיך שלאָגן מאַקעס אַכזאָרעס דערפאַר, ווייל איך האָב גאָרנישט געטאָן און נאָר געמאָלט. אַז מע האָט מיך אוועקגעגעבן צו אַ שמוקלער האָב איך געוויינט.
סענדער (ווייענדיק). הו—אום.
ליוויק. און איצט, אַז איך זע אַמאָל אַ גוט בילד, ווערט מ אַזוי אומעטיק. עס ציצט עפּעס אין מיר און ציט מיך, און ציט, און ציט.
זעליק. אָ, און מיך אויך.
הילליע. אָך!
ליוויק. ניין, און אַן אַנדערס מאָל, ווען איך ליג אַזוי און טראַכט, וואָלט זיך מיר געוואָלט אַזוי מאָלן...
אַרקע (קומט אַריין און גייט גלייך צו צו אייזיקן). נו, וואָס הערט זיך מיט דיין מאַשינע? (אַרקע איז דעם באַלעבאָס גאָלדינס אַ זון. — ש. ק.).
זעליק. האָט זיך ניט אויסגעמאַשינקעט.
אַרקע. וואָס? עס קומט טאַקע־וואָרנישט אַרויס? האָסט דו זי דאָ?
יאָשקע. דער הער אינזשעניער איז נישט צו שפּרעכן.
בערע. דו שווייג, דו!
זעליק (שלעפּט דעם שטול פון אונטער אייזיקן).
אייזיק (אָפּגעבראַכט). דו, קאָמעדיאַנט, זאָלסט זיצן רויק!
אַרקע. אָבער איך האָב אים גלייך געזאָגט, ווי איך האָב נאָר אַ קוק געטאָן אויף זיין מאַכערײַ, אַז ער האָט נישט וואָס צו זיצן און רייבן די ציין. איך האָב גלייך באַמערקט, אַז סע איז אַן אוויירע־זיין טירכע. און אַז איך האָב אים געוואָלט עפּעס באַווייזן...
ליוויק. וועה? איר האָט אים שוין עפּעס געוואָלט באַווייזן?
אַרקע. אויף מיין ערנוואָרט. אַז ער וואָלט מיך געלאָזן, וואָלט איך אים עס געמאַכט אין איינס און צוויי.
זעליק (קרייט אויס). קיקעריקו, האָן!
יאָשקע. אַ פּטשיק!

ליוויק. ווי לאנג זײַט איר דאָס געוואָרן אזא מאכער?
סענדער. ער קאָן עסן, קאָן ער.
מיכל און בערע (קוקן זיך איבער, שאָקלען מיט די קעפּ און זיפצן טיף אָפּ. — אין געשעפט קלינגט דאָס טיר־גלעקל).
ארקע (לויפט ארויס).
ליוויק. אָבער ווי ... מאָל געוואָרן ... ארשטייער.
מאלקע. ער קען דאָך א ... עק נישט פארבינדן.
בערע. דאָס איז פון די גאָלגנייוועס, וועלכע עס איז גוט צו שלאָגן.
מיכל. דער אַלטער אויך אזוי: ער קאָן אויך אלץ.
מאלקע. יאָר מיטן מויל.
ליוו... אָט ... דיר טאקע געוואָלט עפּעס באווײַזן, אייזיק?
מי... ער איז הײַנט נישט צו שפּרעכן, דער מאשינענמאכער.
... ניין.
ליוויק. איך שטעל מיר פאָר, ווי ער האָט אים דאָרטן גוט דער־עסן.

III

אייזיקס פארצווייפלונג און צאָרנדיקער אויסברוך

(פון צווייטן אקט)

אין ווארשטאט

ביילע (קומט ארײַן. אין די הענט א טעפּל אײַנגעבונדן אין א טיכל, ... פון דעם טעפּלס אינהאלט. אפּ איר „גוט מאָרגן“, ענטפערט מען איר: „גוט מאָרגן“, „באָנזשור“, „דזיען דאָברי“).
אייזיק און הילע (שווײַגן).
ביילע (צוגייענדיק צו אייזיקן). נא, איך האָב דיר געבראכט דעם וואר־מעס. זאָלסט עסן, זאָלסטו, הערסטו! (ביסערער). נעם שוין און עס. (נאָך ביסערער). הער מיך שוין אויף צו פּוילן.
אייזיק (שטיל). איך וויל נישט עסן.
ביילע (פארצווייפלט). ווי הייסט, דו ווילסט נישט עסן! פון וואָס ביסטו זאט, פון וואָס?

טעמע. איז ער גאָר אוועקגעגאַנגען אָן וואַרמעס?

ביילע. אָן וואַרמעס! און אַזוי האָט ער עפּעס געגעסן? איז אָפּגעשטאַנען ווי עס איז נאָר געוואָרן ליכטיק און גענומען זיך צו זײַן אומגליקלעכער מאַשינע, האָט ער נאָך גאָרנישט אין זײַן מויל געהאַט. (צו אײַזיקן מיט טרערן) נעם אַ‍ן עס, נעם!

בערע. מאַך דיך ניט נאַריש, אײַזיק. נעם און עס. וואָס איז דאָס פֿאַר אַן אויפֿן? פֿע, כ'לעבן!

ביילע (וויינט). די גאַנצע דרײַ טעג אַזוי: נישט געשלאָפֿן און נישט געגעסן און גאָר געווען באַשעפֿטיקט מיט זײַן אומגליקלעכער מאַשינע. (צו אײַזיקן) וועסטו עסן, צי ני

אײַזיק (ווי פֿריִער). איך וועל נישט עסן.

ביילע. נו, זאָגט איר שוין אַליין, קאָן מען עס איבערטראָגן? (יאָמערט). איך קאָן עס שוין ניט איבערטראָגן.

מאַלקע. וואָס אַרט אײַך, אַז ער עסט נישט. פּשש, מיך וואָלט דאָס טאַקע אַסאַך אַרן.

ביילע. ווי הייסט, אַ מענטש עסט ניט אַ גאַנצן טאָג.

בערע (לייגט אַוועק די אַרבעט, גייט צו צו אײַזיקן און נעמט אים אָן פֿאַר אַ האַנט). נו, זײַ נישט קיין נאַר, לייג אַוועק די אַרבעט און וואַש דיך און עס.

אײַזיק. אַך, לאָזט מיך, איך קאָן נישט עסן.

בערע. ווי הייסט, דו קאָנסט נישט עסן? וואָס איז דאָס פֿאַרא ווערטער? שיק נאָך אַ שנאַפּס, נעם אַ ביסל בראָנפֿן, וועסטו קענען עסן. גיי, יאַשקע, ברענג אים אַ שנאַפּס.

ביילע (האַלט איין דאָס וויינען). שיק טאַקע נאָך אַ שנאַפּס.

אײַזיק. איך האָב קיין געלט ניט, און וויל קיין שנאַפּס ניט.

בערע. געלט אויך אַ זאַך. וועט זיך מיסטאַמע באַ וועמען געפֿינען. רעב מיכל, האָט איר וואָס?

מיכל (דריקט מיט די אַקסלען). אַ גראָשן נישט.

לייוויק. איך קאָן דיר לײַען, אײַזיק. (נעמט אַרויס אַ רובל). איך קאָן דיר לײַען דעם גאַנצן רובל.

ביילע (נעמט בײַ אים דעם רובל; צו אײַזיקן). [illegible] שיקן נאָך אַ שנאַפּס?

בערע. נישטאָ וואָס צו פֿרעגן. גיי, יאַשקע, ברענג אַ סאָראָקאָ־וואָשקע.

יאַשקע (קיִמט ווירנריק זיך, נעמט דאָס געלט). סמירנאָווקע?

בערע. סמירנאָווקע, סמירנאָווקע, מאַך עס נאָר אפּגיך (עטופּעט אים אַרויס און ווערט פאַרגניגט). אָט אַזוי אָ, וועסטו נעמען אַ שנאַפּס, וועסטו פריילעכער ווערן און וועסט עסן (זעצט זיך צו דער אַרבעט און רעדט, צופרידן מיט זיך אַליין). אַ שנאַפּס איז די בעסטע סגולע. בא מיר איז עס די ערשטע זאַך. דאָס, יענץ, קאָפּ־ווייטעק, האַרצווייטעק — אַ שנאַפּס און פאַרטיק (ווענדט זיך צו אייזיקן). און דו זאָלסט טאַקע קיין נאָר ניט זיין און אַריינקערן די גאַנצע סאָראָקאָווקע, וועסטו בעסער עסן.

ביילע. שוין פון דריי טעג, אַז ער האָט קימאַט ווי גאָרניט געגעסן. איך ווייס גאָרנישט מיט וואָס ער האָט געלעבט.

מאַלקע. מיט דער מאַשינקע.

ביילע. סיידן מער נישט ווי מיט דער אומגליקלעכער מאַשינקע.

זעליק. און וואָס האָט זיך אויסגעלאָזט מיט דער מאַשינקע? נישט געמאַכט זי?

ביילע. ווי מאַכן! געאַרבעט און געאַרבעט, די גאַנצע דריי טעג האָט מען אים נישט געקאָנט אָפּרייסן פון טיש און פּלוצלינג כאַפּט ער און גיט זיך אַ וואָרף, אַז — ז—ז, עה...

לייוויק (שטאַרק פאַרוווּנדערט). עס!

ביילע. עס האָבן אין מיר געגומען ציטערן אַלע אייוורים, הענט און פיס. אַ פאַרטרייסלטע בין איך געבליבן. און ער איז געבליבן זיצן מיט אויסגעלופּעטע אויגן...

מאַלקע. נע—ע, דאָס איז דאָך נישט מעשוגע. דאָס איז... דאָס איז...

ביילע. וואָס איז עס? (לאַכט איראָניש). נישטיקייטן, מעשוגאַס איז עס!

אייזיק. טו מיר אַ טויווע און גיי אַהיים.

ביילע — (וואַרפט אָפּ אים אַ בייזן און דערשראָקענעם בליק). נישט קיין מעשוגאַס איז עס!

בערע. גייט טאַקע אַהיים, וועט זיין אַסאַך גלייכער (ווינקט איר, זי זאָל גיין).

מיכל (ווינקט אויך).

ביילע (גרייט זיך צו אוועקצוגיין, באַליידיקט). איך מער נישט מאַך אים שטענדיק ענג (בייז). זאָלסטו עסן, מעשוגענער!

בערע. ער וועט שוין עסן, גייט אַהיים, וואָס אַרט אייך. ער וועט נעמען אַ שנאַפּס און וועט עסן.

בײלע. און זאָלסט ברענגען דאָס טעפּל.

בערע. גוט, גוט, װעט שױן ברענגען.

בײלע. (אין טיר) מעשוגענער! (גײט אַװעק).

מיכל. א ייִדענע בלײַבט א ייִדענע.

מאלקע. איך האָב נאָך געקענט די בײלען מיט אכט יאָר צוריק, אז זי איז נאָך געװעזן א מײדל. אָ, איז זי געװעזן א לעבעדיקע זאך! איצט װי זי זעט א ביסל אויס, מע קאָן דאָך אפ איר ניט א קוק טאָן.

בערע. און װי האָט ער אויסגעזען מיט אכט יאָר צוריק! א מעשוגענער אפילע איז ער שטענדיק געװעזן, אָבער אזוי איז דאָס געװעזן...

יאָשקע (קומט ארײַן מיט בראָנפן).

בערע (לײגט אַװעק די ארבעט, גײט אים אנטקעגן, נעמט בא אים צו דאָס פלעשל מיט דעם רעשט פון רובל און װענדט זיך צו אײזיקן). נא, װעסט נעמען אביסל בראָנפן און װעסט עסן, װעסטו װערן גאָר א נײַער מענטש, דער אמאָליקער אײַזיק. (נעמט אראָפּ א גלעזל פון פּאָליצע). טאָמער האָסטו פארגעסן דעם אמאָליקן אײַזיק, װעל איך דיך דערמאָנען. געדענקסט אונטערן שטאָט, אין קאָראָבאנאָװקע? (גיסט אָן דאָס גלעזל, קוקנדיק מיט טײַװע אפ דעם פליסנדיקן געטראנק). געדענקסטו, װי דו... נא, נעם, נו... נא, נעם דאָך (שטעלט אַװעק דאָס פלעשל, נעמט אײזיקס הױט און טוט אים אָן אײַזיקן אפן קאָפּ). נא, נו, מאך א בראָכע און טרינק (נעמט װידער דאָס פלעשל). נעם דאָס, אײזיק, זײַ נישט קײן נאר. אײזיק, זע.

מיכל. אײזיק, פע! לאָז זיך נישט בעטן. נעם און טרינק און עס. װאָס מאכסטו דיך נארעש, װאָס?

בערע (אונטערטראָגנדיק דאָס גלעזל צו אײזיקס ליפּן). טרינק, זאָג איך דיר, פערד!

זעליק. אז נישט, טרינקט ער אויס.

אײַזיק (װיל אומקערן דעם קאָפּ און פּלוצלינג כאַפּט ער דאָס גלעזל און קערט עס אין זיך ארײַן).

בערע. (פארפאָלגט מיט א טײַװעדיקן קוק יעדע באַװעגונג אײזיקס און די באַװעגונג פון דעם שנאַפּס. ער טשמאָקעט מיט די ליפּן, מאכט א קרום געזיכט, װי ער װאָלט געפילט די קילקײט און ביטערקײט פון דעם שנאַפּס). אָט אזוי ביסטו א מענטש, אָ, אָט אזוי האָב איך דיך האָלט

(נעמט דאָס ליידיקע גלעזל בא אײַזיקן). און נאָך איינס (הייבט אָן אָנגיסן און שמעקט דעם בראָנפן). און טאקע גלײַך.

אייזיק (האלט אײַן זיין האנט. פינצטער). גיט מיר דאָס פלעשל (נעמט ארויס דאָס פלעשל פון בערעס האנט. שטעלט עס צו צו די ליפן און טרינקט עס אויס מיט איין מאָל).

בערע (ווען אייזיק ווערט פארטיק מיטן פלעשל, נעמט ער בא אים עס צו און טראָגט אים אונטער דאָס גלעזל). און יעצט שוין דאָס ביסל אין גלעזל, ווער זײַן א פאַלנע מאָס. — ווילסט נישט? נו, טיק יעצט עסן (שטעלט אוועק דאָס גלעזל מיטן פלעשל און רוקט צו דאָס טעפל מיטן ברויט). טיק יעצט עסן.

אייזיק (שפארט זיך אָן מיט ביידע הענט אפן וועבשטול און באהאלט דאָס געזיכט אין די הענט.)

בערע. עסן, עסן, אייזיק. אָבער גלײַך. דאָס עסן איז שוין קאַלט...

אייזיק (לייגט אוועק דעם קאָפּ אף דער לינקער האנט).

בערע. נא, וואָס האָסטו זיך אוועקגעלייגט? איך זאָג דאָך דיר, גלײַך עסן (וויל אים אופהייבן).

אייזיק (שטופט אים אוועק מיט דער פרײַער האנט).

בערע (באליידיקט). נא, פון מײַנעטוועגן ליג. איך הייס דיר עסן, דו ווילסט נישט, טאָ טו, וואָס דו ווילסט (נעמט דאָס פלעשל, באטראכט עס, קוקט טײַוועדיק אף דעם ביסל בראָנפן אין גלעזל).

הילע. נו, בערע, לעכאַים!

בערע. עס נישט. איך וועל מיך מיט דיר מער ניט אייסעקן (גייט צו צו זײַן שטול).

לייוויק. — עס דאָך, אייזיק. דו מוזט דאָך פארעסן.

בערע (באליידיקט). אזא פערד. האָב איך גאָר אף מײַן לעבן נישט געזען.

זעליק. מיר דוכט, אז ער וועט נאָך אײַנשלאָפן.

מיכל. זאָל ער שלאָפן, דאָס איז דאָס בעסטע.

בערע. נע — ע! איך ווייס, אז איך נעם א ביסל בראָנפן, בין איך... ציט זיך אף מיר אָן אַ נײַע הויט. און ער האָט, דאכט זיך, אויך געקאָנט ארײַנגיסן! נע—ע, איך ווייס גאָרנישט, וואָס מיט אים איז געוואָרן.

לייוויק (צו זעליקן). שלאָפט ער טאקע איין, זעליק?

זעליק. דאכט זיך (טרייסלט אים). אײַזיק, דו שלאָפסט?

לייוויק. קאָמעדיאַנט!

הילִיע (זינגט). „שלאָף מײַן פײגעלע, מאַך־זשע צו דײַנע אײגעלע...“

מיכל. נאַ, אַ כעוורע!

טעמע. דאָס עסן וועט דערווײַלע קאַלט ווערן (שפּרינגט אויף). איך וועל עס אַרײַנטראָגן צו אידען און אַרײַנשטעלן אין אויוון.

אײַזיק (זעצט זיך אויף און נעמט אַרויס זײַן טאַשנטיכל).

טעמע (מיט שרעק). זע, ער האָט דאָך געוויינט!

לייוויק, בערע, זעליק, מאלקע (שפּרינגען אויף פון זייערע ערטער מיט אַן אויסגעשריי). געוויינט! (טרעטן צו אים צו און קוקן אויף אים מיט שרעק).

מיכל (דרייט אויס דעם קאָפּ און זאָגט אַרויס מיט אַ טאָן פון ביטערקייט, אומצופרידנקייט און עקל). געוויינט.

הילִיע און סענדער (קוקן נײַגעריק פון זייערע ערטער און טוען זייער אַרבעט).

יאָשקע (טרעט אָפּ פון טיש און קוקט נײַגעריק, מיט דעם קליינעפינגערל אין דער האַנט).

בערע. ביסט דאָך עפּעס גאָר קיין מענטש ניט. פע, אויף מײַן וואָרט, ווען איך וואָלט געוויסט, אַז אָסער, אויב איך וואָלט דיך צוגערעדט צו טרינקען. ביסט דאָך עפּעס גאָר קיין מענטש ניט.

הילִיע. זאָל ער גיין אַהיים און אויסשלאָפן זיך.

בערע. גיי טאַקע אַהיים און שלאָף זיך אויס. וואָס וויינסטו? פע, אויף מײַן וואָרט, עס איז גאָר אַ בושע און אַ כאַרפּע. גיי, פאָלג מיך, אַהיים. ווערסטו הײַנט אויך נישט אַרבעטן, מײַלע, זאָל דוכטן, אַז דו זיצסט נאָך איבער דײַן מאַשינע. גיי, גיי. נאַ, און דאָ האָסטו דעם רעשט פון דעם רובל. נאַ, נעם צו. זעסט, איך לייג דיר אים אַרײַן אין קעשענע. איז עס אַ גאַנצע קעשענע? (באַטאַפּט די קעשענע). אַ גאַנצע. נו, גיי.

אײַזיק. (לאָזט זיך ווידער אַראָפּ אויף דער האַנט. זײַן גאַנצער קערפּער טרייסלט זיך פון דעם שטילן געוויין).

לייוויק. אָבער, אײַזיק, ביזט דאָך טאַקע...

בערע. אַך, דאָס ערשטע מאָל אויף מײַן לעבן מאַכט זיך מיר דאָס צו זען.

הילִיע. (צו סענדערן). זע נאָר, טעמע וויינט אויך.

טעמע (טריקנט די אויגן). הילִיענקע, דו האָסט דאָך אַ גאָזלאָנעש האַרץ.

לייוויק (ציִענדיק אייזיקן). אָבער, אײַזיק, אך, פע...
אייזיק. לאָזט מיך, לאָזט מיך, איך מוז... איך מוז...
בערע (ציִענדיק אייזיקן). וואָס מוזטו, וואָס? מוזט גאָרנישט. געהערט
עפּעס ווערטער, ער מוז גאָר וויינען.
אייזיק (בייז) לאָזט מיך צורו!
בערע (מאכט מיט דער האנט). נאַ, הייב זיך אָן מיט א משוגענעם.
(מע צעגייט זיך אף די ערטער).
לייוויק (טרויעריק). הם!
בערע. דאָס ערשטע מאָל אין מײַן לעבן...
מאלקע. פע, איך קאָן נישט זען, אז א מאנסביל וויינט.
זעליק (געריזט). נע—ע—ע!
טעמע (נעמט דאָס טעפּל און גייט מיט אים ארויס.
(אלע שווײַגן)
אײַזיק (ווערט שטילער און שטילער און בלײַבט צולעצט רויִק ליגן אף זיין האנט.
מע קוקט זיך אָפּט אום אף אים).
גאָלדין (קומט אריין, גייט אין אייזיקס זייט, מאכט מיטן קאָפּ). נאַ, וואָס ליגט
ער עפּעס?
מאלקע. ער האָט ערשט געוויינט.
גאָלדין. געוויינט? וואָס האָט ער עפּעס געוויינט? וואָס פון זײַן
מאשינע האָט זיך גאָרנישט אויסגעלאָזן? (וועקט אייזיקן). דו,
אייזיק, וואָס האָסטו געוויינט? שטיי אוף (דערזעט די בראָנפן־פלאש)...
ווער האָט עס געטרונקען? דאָס האָט ער געטרונקען?
מאלקע. ער האָט נאָך גאָרנישט געגעסן, האָט מען אים געהייסן
נעמען א ביסל בראָנפן.
גאָלדין. האָט ער זיך הייסט עס פּאָשעט אָנגעשיקערט. טע!
צוערשט האָט מען אים נישט געקאָנט ארויסטרײַבן פון שטוב,
ווײַל ער האָט זיך געפּאָרקעט איבער אַ שטיקל מאשינע און
יעצט, אז ער איז שוין געקומען ארבעטן, האָט ער זיך אָנגע־
זויפן ווי א פּאזער און ליגט.
אייזיק (מאכט א נערוועזע באוועגונג, גיט א הייב דעם קאָפּ און לייגט אים גלײַך
אוועק צוריק).
גאָלדין. ביסטו שיקער, טאָ גיי אהיים און לייג זיך שלאָפן. איך
דארף דאָ קיין שיקורים נים.—ווו איז טעמע?

אײַזיק (הייבט זיך לאנגזאם אוף). איר זײַט אין קאס, וואָס איך האָב אײַך ניט געבראַכט א דריטע מאַשינע?

גאָלדין. פערד! איך דארף דיך אפ קאפּאָרעס. מיט דײַנע מאַשינעס צוזאַמען — ווו איז טעמע, ווו?

מאַלקע. דאָ איז געוועזן זיין ווײַב און האָט אים געבראַכט זיין וואַרמעס, האָט טעמע ארופגעטראָגן דאָס טעפּל, עס זאָל ניט קאַלט ווערן, צו אידען.

גאָלדין. מער האָט זי שוין ניט וואָס צו טאָן, ווי מיט זיינע טעפּלעך?!..

אײַזיק. אז איך וואָלט אײַך געבראַכט די מאַשינקע, וואָלט איר בישט אזוי אין קאס געוועזן.

טעמע (קומט אריַין).

גאָלדין. וווהין גייסטו ארום, וווהין? דו דארפסט זיצן און ארבעטן און נישט אייסעקן זיך מיט זיינע טעפּלעך. איך האַלט ניט פון זיינטוועגן קיין מעשאָרסים.

אײַזיק (מיט קוים איינגעהאַלטענעם קאס). איך האָב זי נישט געבעטן.

טעמע. דאָך א ווײַלע נאָר געדויערט.

גאָלדין. א מינוט אויך נישט. ער מעג עסן קאַלטע, אָדער גאָר נישט עסן. דאָס איז נישט דיין דײַגע. דו דארפסט זיצן און ארבעטן.

אײַזיק. אזוי שטארק האָט אײַך געינטערעסירט מיין מאַשינקע!

גאָלדין (צעשרײַט זיך). איך דארף דיך אפ קאפּאָרעס מיט דיין מאַשינקע, האָב איך דיר שוין איינמאָל געזאָגט. פארשטייסטו מיך? דו קאָנסט שוין...

ארקע (איַילט אריַין). וואָס האָסטו זיך דאָ אזוי צעשריִען?

גאָלדין. איז געקומען, האָט זיך אָנגעשיקערט...

אײַזיק (א קלאפּ טוענדיק מיט דער האנט אָן וועבשטול). איר זאָלט מיר אופהערן מיט דעם „אָנגעשיקערט", פארשטייט איר מיך, צי נישט?

גאָלדין (בלײַבט שטיין מיט אַן אָפענעם מויל. אלע רײַסן איבער די ארבעט).

ארקע. טע, טע, טע. ער איז דאָך טאקע גאָר שטארק אין קאס.

אײַזיק. מיר דארפט איר נישט ריידן וועגן אָנשיקערן זיך. דאָס רעדט אײַער ארקען.

גאָלדין. דו אויס מעכוצעפּ פּאָנעם[63]! דו שטיק שייגעץ!

מיכל און בערל (רינגלען ארום גאָלדינען).

לייוויק און זעליק (האלטן אָפּ אייזיקן).

מיכל. הער אוף, נאָטע, זעסט דאָך.

לייוויק. באַרויִק זיך, אייזיק.

ארקע. וועגן מיר דארפסטו ניט ריידן.

בערע. ארקע, אָך, נע, נע...

לייוויק (צו אייזיקן). באַרויִק דיך, באַרויִק דיך.

גאָלדין. דו ווײסט שוין בא מיר מער ניט ארבעטן.

אייזיק. איך טראַכט עס שוין, אָבער איר וועט מיר צוערשט אוועקגעבן מײַן פּרעס מיט מײַן פּעטליצעס־מאשינקע.

ארקע (שטעלט אָן די הענט צום אויער). וואָס, וואָס זאָל מען דיר אוועקגעבן? איך האָב נישט געהערט. כאָזער איבער נאָכאמאָל.

גאָלדין. דײַן פּרעס מיט דײַן מאשינקע? פאר דײַן פּרעס מיט דײַן מאשינקע האָט מען דיר באצאָלט גוט געלט.

אייזיק (מאכט א באוועגונג).

לייוויק און זעליק (האלטן אים אָפּ).

זעליק. רויִק. רויִק.

גאָלדין. זײַנע מאשינעס זאָל איך אים אוועקגעבן! זײַנע איז עס, אז איך האָב דיר באצאָלט, זײַנען זיי מײַנע, נישט דײַנע.

ארקע. זײַן פּרעס און זײַן מאשינקע! די מוירעדיקע דערפינדונגען, גרויסע קאָפּשטיק! האָסט באוויזן, וואָס דו קאָנסט. געפּאַרקעט זיך און געפּאַרקעט זיך דרײַ טעג...

אייזיק. גרויסע קאָפּשטיק — דו קאָנסט בעסערע?

ארקע. פּששש... אָבער ווו איז דײַן נײַע מאשינע?

אייזיק. איך פרעג בא דיר, דו קאָנסט בעסערע?

ארקע. אָבער דײַן נײַע מאשינע ווו איז?

גאָלדין. וואָס רעדסטו מיט אים? גיי, יאָשקע, רוף שמעדלען. זאָג אים, אז דער שטול איז ליידיק. ער קאָן שוין קומען זעצן זיך ארבעטן. — אָט וועט זײַן גענוג צו רייזן.

יאָשקע (מאכט לאנגזאמע האכאָנעס) 64.

אייזיק. (שטייט אוף, קנעפּלט זיך צו דאָס רעקל, און הייבט אָן לאנגזאם צו גיין צו דער טיר, באגלייט פון די אים באַרויִקנדיקע לייוויק און זעליק. פּלוצלינג גיט ער זיך א לאָז צו דער פּרעס, הייבט זיך אוס, חארפּט זיך ארום אַם דער פּעטליצעס־מאשינע און טרעט זי מיט די פיס. אז עס פליִען שפּינדלען

און רעדלעך, צוריידנדיק דערבײַ). יעצט קאָן איך גיין, יעצט קאָן איך גיין.

לייוויק, זעליק, בערע (ווילן אים אָפּהאַלטן).

גאָלדין. גייט רופט א גאָראָדאָווי, גייט רופט. אַרקע, גיי נאָך א גאָראָדאָווי.

אייזיק (טרעט נאָך מיט די פיס). יעצט קאָן איך גיין. (רײַסט זיך ארויס פון די הענט און גייט ארויס ווי מעגלעך רויק?)

גאָלדין און ארקע (ווארפן זיך נאָך אים, מע האַלט אים אָפּ).

גאָלדין. זאָל מען גיין נאָך א גאָראָדאָווי, זאָל מען גיין.

אייזיק. (פון הויף). נא דיר! (א שטיין פליט אין פענצטער מיט גרויסער קראַפט, צעברעכט אַלע שויבן און טרעפט אַרקען אין זײַט, פון אויפֿעם רײַסט זיך ארויס אַן „אך!“)

אַרקע. ער האָט מיך געהארגעט!

גאָלדין. א גאָראָדאָווי.

IV.

אייזיק שעפטל געפינט אַן אויסוועג

(פון דריטן אקט)

אינדערהיים בײַ אייזיק שעפטלען.

אייזיק. (אופהייבנדיק די הענט איבערן קאָפּ) מיר איז שווער, מיר איז שווער, מיר איז שווער...

ביילע. אים איז שווער! שווער זאָל אים זיין צו לעבן. האָט זיך אָנגעשיקערט...

אייזיק. לייוויק, מיר איז שווער, מיר איז שווע־ע־ר! (רײַבט זיך די בריסט).

לייוויק. דו ביסט דאָך עפּעס נאָך א קינד, אייַזיק.

בערע. אַף מײַן לעבן האָב איך גאָר אזא מענטשן ניט געזען.

אייזיק. לייוויק, מיר איז שווער.

לייוויק. וואָס שווער, וואָס? אײַ, גיי.

סענדער. מאַך זיך נישט נאריש און לייג זיך שלאָפן.

אייזיק. מיר איז שווער, לייוויק. — דו פארשטייסט מיך אויך נישט.

לייוויק. איך פארשטיי דיך גאַנץ גוט.

ביילע. אים דארף מען גאָר באַזונדערס פאַרשטיין.

אייזיק. מיר איז שווע־ע־ר, לייוויק! — איך בין געווען אין גרויסן וואַלד, איך בין דאָרטן געווען...

לייוויק. פעטרוש דער סטרוזש האָט מיר געזאָגט, אַז ער האָט דיך דאָרטן געזען. מיר זוכן דיך דאָך שוין אַ גאַנצע נאַכט.

ביילע. געדאַרפט אים גייטיק זוכן, דעם שיקער.

בערע. (מאַכט מיט דער האַנט, זי זאָל שווייַגן). נאַ, און איך גיי איצט אַהיים. שוין צייַט צו שלאָפן. נאַ, ווער גייט? קיינער גייט נישט? גיי איך אַליין. אַ גוטע נאַכט. איך זאָג אייַך, איר זאָלט זיך צעגיין און לאָזן אים לייגן זיך שלאָפן. דאָס איז די בעסטע זאַך. נאַ, אַ גוטע נאַכט. (גייט אַוועק).

לייוויק. איך וועל שוין אויך גיין. טו דיך אויס, אייַזיק, און לייג זיך שלאָפן.

אייזיק. (האַלט לייוויקס האַנט). מיר איז שווער, מיר איז שווער.

לייוויק (קוקט אַף די אַנדערע און דריקט מיט די אַקסלען.)

ביילע. (שטייט אויף פון איר אָרט און גייט צו צו דעם פאַרדעקטן בעט, צוררנדיק אַהין דאָס וויגעלע; זי דרייט אייַן אַ ביסל דעם לאָמפּ, טוט אויס די שיך, רוקט צו גישינקען צו דער וואַנט, לייגט זיך אַרייַן אין בעט און דעקט זיך איבער).

לייוויק. לייג דיך שלאָפן, אייַזיק, לייג דיך.

אייזיק. מיר איז שווער, מיר איז שווער.

ביילע. ניכטער דיך אויס, וועט דיר ווערן גרינגער.

אייזיק. איך בין געווען אין גרויסן וואַלד. גלייך פון ווערקשטאַט בין איך געגאַנגען אַהין. איך האָב געדאַרפט גיין. איך האָב געמוזט גיין, גיין, גיין.

ביילע. נו, רעדט ער נישט איצטער, ווי זיין מעשוגענער טאַטע?

לייוויק. האָסט נישט באַדאַרפט טרינקען דעם בראָנפן, וואָס בערע האָט דיר געגעבן.

ביילע. לייענ געלט און אָנשיקערן זיך.

אייזיק. איך וואָלט נישט געטרונקען. נאָר ער האָט מיר צוגעטראָגן צו דער נאָז, און דער ריח האָט מיר אַ זעץ געטאָן אין קאָפּ, צעגאַנגען זיך איבער אַלע גלידער, און איך האָב געמוזט טרינקען.

בײלע. געמוזט טרינקען! טרינקען האָט ער געמוזט. מען האָט אים געניים פון קאַהאָל[4]

לײוויק. האָסטו באַדאַרפט גײן אַהײם און לײגן זיך שלאָפן.

אײזיק. איך האָב געמוזט גײן. איך בין געגאַנגען איבער די גאַסן. און אַזוי בין איך אַרויס אין וואַלד. אין די גאַסן איז מיר געווען אַזוי ענג; אין די גאַסן האָב איך גאָרנישט געקענט טראַכטן. נאָר אַז איך בין אַרויס אַף דעם פרײַען פעלד, האָב איך מיך דערפֿילט פרײַ, גרויס און ברײט. און דערנאָכדעם איז מיר געוואָרן אַזוי שווער אַפן האַרצן. שווער, שווער, שווער.

בײלע (בײזז). גײ שלאָפן, גײ, און לאָז מיך אויך שלאָפן.

אײזיק. דער קאָפּ האָט אָנגעהויבן קאָנען טראַכטן, פאַרשטײסט. און איך האָב דערפֿילט, און איך האָב דערפֿילט! ...איך האָב מיך דערפֿילט פאַר אַ יאָסעם, וואָס איך האָב צעבראָכן דעם פרעס און די מאַשינקע.

לײוויק. נו, ביסטו נישט אַ נאַר? דו וועסט דאָך קאָנען...

אײזיק. און אין האַרצן האָט מיר געזאָגט דאָס, וואָס איך קאָן נישט, דאָס, וואָס איך קאָן נישט, דאָס, וואָס איך קאָן נישט! פאַרשטײסט, איך וויל און קאָן נישט. איך וויל, פאַרשטײסט, און קאָן נים. און איך קאָן דאָך יאָ! פאַרשטײסט, איך ווײס, אַז איך קאָן דאָך יאָ! און... און... און... דו האָסט הײַנט געזאָגט אין ווערקשטאַט, אַז דו זעסט אַמאָל אַ גוט בילד, ווערט דיר אַזוי אומעטיק און עס זיצט אין דיר עמעץ און ציט און ציט.

לײוויק. זעסט דאָך, און פונדעסטוועגן גאָרנישט. ציט, ציט ביז עס הערט אויף. מע דאַרף דאָך זײַן אַ מענטש...

בײלע. (איבערקערנדיק זיך מיטן געזיכט צו דער וואַנט) ער איז מיר אויך אַ מענטש.

אײזיק. איך בין אַן אַנדער מענטש, איך האָב אויפגעהויבן די הענט אין פרײַען פעלד און אָנגעהויבן שרײַען, שרײַען, שרײַען־נ־נ...

בײלע. שרײַ אויף די צײנער! וואָס האָסטו זיך צעשריגן? לאָז שלאָפן! וועסט נאָך אויפוועקן די קינדער.

אײזיק. איך האָב עפּעס געוואָלט אַרויסשרײַען פון מיר. פאַר די אויגן זײַנען מיר געשטאַנען די פרעס און די פעטליצעס־

מאשינע, צעבראָכענע, צעשאָסענע, צו... צו... צו... מײַן פרעס מיט מײַן מאשינקע.

לײװיק. נו, נו, נו, ביזטו נישט א נאר?

אײזיק. נאָר דאָס איז גאָרנישט אנטקעגן דעם, װאָס איך קאָן נישט, דאָס, װאָס איך קאָן נישט, דאָס, װאָס איך קאָן נישט.

בײלע. גײ, לײװיק, אהײם, װעט ער זיך אויך לײגן שלאָפן.

אײזיק. אז איך בין שוין אַרײַן אין װאַלד, האָב איך גענומען שלאָגן די בײמער, בײַסן זײ, רײַסן זײ, געשלאָגן אין זײ מיטן קאָפּ, מיט די הענט, מיט די פיס. און עס איז מיר א האָר נישט לײַכטער געװאָרן. איך האָב מיך א װאָרף געטאָן אַף דרערד, געדרײט זיך, געװאָרפן זיך...

לײװיק. הע!

אײזיק. איך האָב געריסן דאָס גראָז און געביסן די ערד. און דאָ האָט זיך אַרויסגעקײַקלט פון קעשענע א פּאָר מאטבײעס... (הײבט אָן מידער צו רײדן) און אז איך האָב דערזען דאָס געלט, האָט זיך מיר פאַרװאָלט טרינקען, טרינקען, טרינקען.

לײװיק. נײן, איך האָב פון דיר מער געהאַלטן.

בײלע. (כראָפּעט און רעדט עפּעס פון שלאָף).

פּיניע. (הײבט זיך אויף און הײבט אָן אַרומצוגײן איבערן צימער).

לײװיק. גאָ, יעצט װעל איך גײן און דו װעסט זיך לײגן שלאָפן. און זײַ א ביסל מער מענטש. מען דאַרף נישט גלײַך אַראָפּ־לאָזן די נאָז.

אײזיק. דאָס טרינקען האָט מיך ניט באַפרײַט. עס נאָגט און נאָגט אין מיר. איך בין אומגעגאנגען איבער די גאסן, גײ... און עס נאָגט און נאָגט אין מיר. פאַרשטײסט, איך האַלט מיך קוים אַף די פיס און דער קאָפּ איז מיר קלאָר.

לײװיק. װעסט זיך אויסשלאָפן, װעסטו זיך מאָרגן אנדערש פילן.

אײזיק. דאָס קאָנסטו דיך אויסשלאָפן. איך — (שאָקלט מיטן קאָפּ). — נײן. איך װעל מיך נישט אויסשלאָפן. מאָרגן און איבערמאָרגן. און איבער־איבערמאָרגן װעט מיך נאָגן און עסן און פרעסן דאָס, װאָס איך קאָן נישט, דאָס, װאָס איך קאָן נישט. דאָס, װאָס איך קאָן נישט. קײטן ליגן אַף מײַנע הענט, שװערע מאַ־סעס אַף מײַן מויעך. .

לײװיק. דאָס זאָג איך דאָך, אז איך האָב דיך געהאַלטן פאַר קלי־

גער. דו ווייסט דאָך, ווי מיר האָט זיך געוואָלט ווערן א מאָ־
לער. נאָר איך זאָג מיר: עס, נישט, איז נישט! קאָנסט נישט
אריבער, מוזטו ארונטער.

אייזיק. איך בין אן אנדער מענטש, איך בין אן אנדער מענטש.
מיך ראטעוועט קיין בראָנפן נישט, און מיך ראטעוועט קיין
שלאָף נישט.

לייוויק. דאָס וועלן מיר שוין זען. שלאָף דיך נאָר אויס.

אייזיק. (שטייט אוף, שאָקלט זיך). זעסט, איך האלט מיך קוים אפ
די פיס, זעסט? און אין הארצן נאָגט און נאָגט, און דער קאָפ
האָט גאָרנישט פארגעסן. (מאכט א פאָר שריט נאָך לייוויקן, וואקלט
און פאלט מיטן קאָפּ צום שראנק).

ביילע. (אופגעוואכט). וואָס איז? וואָס איז? וואָס איז?

לייוויק. אייזיק איז געפאלן, איך וועל אים אופהייבן און ארײַנ־
לייגן אין בעט.

ביילע. (ווידער אײַנשלאָפנדיק) פון מיינטוועגן מעג ער אייביק ליגן.

אייזיק. הייב מיך נישט, לייוויק, אזוי איז מיר גוט. לאָז מיך
ליגן. איך דארף נישט קיין בעט.

לייוויק (הייבנדיק אים). מע קאָן דאָך אָבער נישט אָפליגן אזוי א
גאנצע נאכט.

אייזיק. איך וויל דאָ ליגן. הייב מיך נישט, לייוויק. זאָל מיר די
קאלטע ערד קילן אביסל דעם הייסן קאָפּ. עס איז מיר גוט אזוי.

לייוויק. דו ביסט א מעשוגענער. נא, א גוטע נאכט דיר. ווער וועט
צושפארן די טיר?

אייזיק. מעגסט לאָזן אָפגעשפארט. קיין גאנאָווים וועלן צו אונדז
ניט קריכן.

לייוויק. טאָמער זאָל איך דיך פאָרט ארײַנלייגן אין בעט?

אייזיק. ניין, אזוי איז גוט, איך קיל מיר דעם קאָפּ.

לייוויק. נא, א גוטע נאכט. (גייט ארויס)

אייזיק. א גוטע נאכט דיר, לייוויק. (אין ציטער איז נאָך פינצטערער; דאָס
גלאָז פון לאָמפּ איז שטארקער פארויכערט געוואָרן. נאָר א קליינער קרייז
ארום דעם טיש איז באלויכטן. און אין דער שײַן זעט מען נישט קלאָר דעם
לאנגזאם ארומגייענדיקן פיניען).

פיניע. (ארומדרייענדיק זיך א ביסל, בלייבט שטיין איבער אייזיקן). געשטאָרבן, טויט.

אייזיק. (קרעכצט ארויס) יאָ, שטארבן, שטארבן,

פּיניע. (הייבט אָן ווידער ארומצוגיין). געשטאָרבן. אַלץ. טויט. פינצטער קאַלט. און פינצטער און קאַלט. און באַגראָבן. און צעפוילט און פון ווערעם צעגעסן. און פינצטער. און קאַלט. קאַלט. קאַלט.
(בלייבט שטיין און גיט ארויס מאָדנע טענער, שניידיקע, פּיַפּנדיקע טענער, ווי א ווויענדיקער הונט).

אייזיק. (האָט זיך אויפגעוועקט און אריינגענומען דעם קאָפּ אין די הענט. פּלוצלינג דרייט ער זיך איבער און ציט זיך אויס אפן בויך מיטן געזיכט צום שראַנק.)

ביילע. (לייגט זיך איבער אפ אן אנדער זייט און רעדט פון שלאָף). איך בין גוט אומגליקלעך, גוט, גוט...

פּיניע. (האַקט אָפּ זיין וויינען און הייבט אָן ווייטער ארומצוגיין). פינצטער, פינצטער, פינצטער, פינצטער. (וויינט ווידער)

אייזיק. (זעצט זיך פּלוצלינג אוף מיט א שרעקלעכן געשריי) ביילע, איך האָב אופגעגעסן דעם משיאַק! ביילע אפגיך, איך האָב אופגעגעסן דעם משיאַק! איך האָב עס ניט געוואָלט. ביילע, איך וויל עס נישט. ביילע אפגיך!

ביילע. (שפּרינגט אוף מיט שרעק). וואָס איז געשען? גוואַלד, וואָס איז געשען?

אייזיק. ביילע, איך האָב עס נישט געוואָלט! איך האָב עס נישט געוואָלט! איך וויל עס נישט!

ביילע. וואָס ווילסטו נישט? גוואַלד, וואָס איז געשען?

אייזיק. (זיצנדיק אף דער ערד, די פיס אויסגעצויגן, דעם קאָפּ אף די פיס און די הענט אין די האָר). איך האָב אופגעגעסן דעם משיאַק. איך האָב עס נישט געוואָלט. איך וויל עס ני־י־ישששט!...

ביילע. (מאַכט א גוואַלד).

פּיניע. (בלייבט שטיין ווי באַגראָבן איבער אייזיקן).

די קינדער. (כאַפּן זיך אוף מיט א געוויין. — טירן קלאַפּן, שריט פון באָרוועסע פיס).

אייזיק. (שרייט) איך וויל עס ני־י־ישששט!...

1899 יאָר.

פארגעבונגענ צו די דערציילונגענ

מיר לייגנ פאָר 5 טעמעס צו די אלע פינסקיס דערציילונגענ. יעדער שילער דארפ ניט אָנשרייַבנ קיינ ארבעטנ אפ אלע 5 טעמעס. עס וועט זייַנ גענוג, אויב ער וועט אָנשרייַבנ אנ ארבעט אפ איינ טעמע. איבערלייענענ דארפ ער מער, ווי עס איז נייטיק צו זייַנ טעמע.

1-טע טעמע

באשרייַבט איינקורצנ, וויאזוי דאָוויד פינסקי שילדערט דעם ארבעטער יאנקל (אינ „גוט־יאָנטעוו־בעטנ") אונ דעם ארבעטער מוישע (אינ „אויסגעגנירט"): וויאזוי זיי ווערנ עקספלואטירט פיזיש אונ גייַסטיק, וויאזוי די אונטערנעמער האלטנ, אז זיי זייַנענ באלע־באטים אפ די מוסקולנ אונ די מויכעס פונ זייערע ארבעטער. וויאזוי עס וואקסט בא די ארבעטער א גרויסע טייַנע צו זייערע באלעבאטים פאר דער עקספלואטאציע אונ אונטער־דריקונג. וועמענ סימפאטיזירט דער שרייַבער?

2-טע טעמע

א) באשרייַבט איינקורצנ, וויאזוי ד. פינסקי שילדערט כאיִמ דעם מעשאָרעס: וויאזוי דער באלעבאָס גרינפעלד איזדיעקעוועט זיכ איבער כאיִמ דעם מעשאָרעס, וויאזוי עס וואקסט בא כאיִמענ א סינע קעגנ דעם באלעבאָס, פארוואָס איז נאָכ אזוי שוואכ כאיִמס פּראָטעסט? באשרייַבט ריוועקעס קעגנשטעלנ זיכ דעם באלעבאָס אונ כאיִמס קעגנשטעלנ. פארוואָס פילט זיכ ריוועקע שטארקער?

ב) באשרייַבט די שפּיל, וואָס קומט פאָר צווישנ דער איינ „ציג" אונ די שפּיל „וועלפ" (אינ „ערעוו יאָנקיפּער"), דעקט אופ די איראָניע פונ די ארבעטער קעגנ רעב עליענ (דעם אונטערנעמער), פארוואָס ווערנ די ארבעטער אזוי אופגעבראכט, ווענ רעב עליע דערקלערט, אז ער איז זיי—„די וועלפ", „מויכל"

פארשיידענע טיפּנ ארבעטער: געצל אונ באָרעכ.

וועמענ סימפאטיזירט דער שרייַבער אונ וועמענ רייַסט ער ארונטער?

3-טע טעמע

א) באשרייַבט איינקורצנ, וויאזוי ד. פינסקי שילדערט דעם „גרויסנ מענטשנפרייַנט" ברענגט עטלעכע עפּיזאָדנ, וואָס באווייַזנ די „גרויסע מענטשנפרייַנטשאפט" פונעמ גוויר, באווייַזט, וויאזוי דער גוויר עקספּלואטירט זייַנע ארבעטער אונ די אָרעמע באפעלקערונג מיט זייַנ „גרויסער מענטשנפרייַנטשאפט". פירט ארויס דעם שרייַבערס באציִונג צומ „גרויסנ

מענטשנפרײַנט", צי איז שוין ניט באהאלטן אין עם קעפל פון דער דערציילונג א גרויסער כוויעק איבערן גוויר?

ב) דערמאָנט זיך, וויאַזוי פינסקי שילדערט גווירים, אונטערנעמער אין די אנדערע דערציילונגען: טאָדרעס (אין „גוט־יאָנטעוו־בעטן"), גרינפעלד (אין „כיים דער מעשאָרעס"), רעב עליע (אין „ערעוו יאָנקיפּער"). ווי זיי באטראכטן זיך אלס אזעלכע, פון וועמען עס לעבן די ארבעטער (אויך „גרויסע מענטשנפרײַנט").

4־טע טעמע

באשרײַבט אינקורצן, וויאַזוי ד. פינסקי שילדערט אײַזיק שעפּטלען (אין דער דראמע „אײַזיק שעפּטל"). די מאטערגישן און לײַדן פון אייזיק שעפּטלען. דאָס איזדיעקוועג זיך פון באלעבאָס איבער אייזיק שעפּטלען, די קאלטע און כוויעקדיקע באציִונג פון דער מער־הײַט ארבעטער פון זײַן ווארשטאט צו אים. די טײַנעס פון די ארבעטער צו אייזיק שעפּטלען, צי האָט אייזיק שעפּטל באדארפט פאָלגן די ארבעטער? אייזיק שעפּטלס פראָטעסט און צאָרן, זײַן אויסוועג... צי האָט ער ריכטיק געהאנדלט? אויב ניט ריכטיק, איז וויאַזוי האָט ער אנדערש באדארפט האנדלען? צי איז ריכטיק די מיינונג פונעם בורזשואזן קריטיקער באלמאכשאָוועס, אז ניט אין קאפּיטאליזם, נאָר אין די שווערע לעבנס־באדינגונגען דארף מען זוכן אייזיק שעפּטלס לײַדן און מאטערנישן?

5־טע טעמע

באשרײַבט, וויאַזוי פּראָטעסטירן, וויאַזוי צאָרענען דאָוויד פינסקיס ארבעטער? וועגן וואָס טרוימט מוישע און זײַן פרוי? וועגן וואָס טרוימט כאַיִם מעשאָרעס און זײַן פרוי? (און אנדערע ארבעטער), וויאַזוי טראכטן זיי צו באפרײַען זיך פון עקספּלואטאציע און אונטערדריקונג? צי איז מעגלעך אָפּ אזא אויפן באפרײַען זיך? צי קריטיקירט פינסקי די ארבעטער פאר אזעלכע געדאנקען. מיט וואָס פאר א טיפּ ארבעטער האָט פינסקי צו טאָן אין זײַנע דערציילונגען? (אויך אין דער דראמע „אייזיק שעפּטל").

* * *

וועגן פינסקיס אָפּקער פון דער ארבעטער־באוועגונג, וועגן זײַן אריבערגאנג אין לאַגער פון דער בורזשואזיע, אין לאגער פונעם ייִדישן נאציאָנאליזם, דארף דער לערער אליין צוגרייטן געהעריקע מאטעריאלן, דעם טייל דארף ער אליין רעפערירן.

די טעמעס זײַנען ניט אלע גלײַך. די לעצטע צוויי (4—5) זײַנען קאָמפּליצירטערע, מע דארף זיי פאַרטיילן מער אנטוויקלטע שילער.

באמערקונגענ

1. „לעכאיִם טויווים אולעשאָלעמ“ — צו געזונט אונ צו לעבנ. (א ווינטשע־ניש באַם טרינקענ וויַינ, בראנפנ. די ווינטשעניש טראָגט א רעליגיעז־שטייגערישנ כאראקטער).
2. „מעכאלקל כאיִמ“ — א טפילע. באַטיַיט: דער, וואָס שפּיַיזט אלע לעבעדיקע באַשעפענישנ.
3. „דאָס שטיק איז אָבער א מינ העפּלע“ — דאָס שטיק איז אנ אנטיק.
4. „ער נייט דאָכ מיכ נישט פונ קאָהאָל“ — קאָהאָל איז די רעליגיעזע געמיינדע, וואָס האָט אמאָל געהאַט צוואַנג־רעכט. דאָ ווערט געמיינט אָרגאניזאציע.
5. „יִשועת האדאאס“ — זיכ אנ אייצע האלטנ, באַטראַכטנ.
6. „דאאס“ — סייכל, פארשטאנד.
7. „קאָלטויוו“ — אלדאָס־גוטס.
8. „אָראנזשנ“ — אפּעלסינענ, פּאָמעראַנצנ.
9. „שאלאכמאָנעס“ — אינ רעליגיעזנ יאָנטעוו פּורעם פלעגט מענ געווייַנלעכ טראָגנ איינער דעמ אנדערנ מאַטאָנעס — „שאלאכמאָנעס“ פלעגט דאָס הייסנ.
10. „האסויצע“ — דאָ ווערט געמיינט דעמ ערשטנ ביסנ.
11. „נישט בלײַבנ אסאָרעד אופּאָלעט“ — דאָ ווערט געמיינט, אז עס וועט פונ אימ קיינ זייכער ניט בלײַבנ.
12. „מאכאשײפע“ — קישעפמאכערנ.
13. „פּראָיִמ, וואַרע פּראָיִמ“ — ווילדע, עמעסע ווילדע.
14. „מעקאבל פּאָנעמ געוועונ“ — אופגענומענ, באגעגנט.
15. „פאר א שטארקנ כויטע“ — פאר א שטארקנ שולדיקנ, זינדיקנ.
16. „קאָל כאמירע“ — אנ ערעוו־פּייסעכדיקע טפילע, וואָס מע פלעגט זאָגנ באַם פארברענענ דעמ כאָמעצ; בעתל דער טרעגער פאסט עס צו אפּ א קאָמישנ אויפנ באַם פארברענענ די ווענטלעכ פונ די שטולנ אפּ אָפּקאָכנ קארטאָפליעס.
17. „יעלאָדימ“ — קינדער, יונגאַטשעס (יונגאטשעס אינ גוטנ זינ).
18. „מאָלע־רעציכע“ — שטארק אינ קאס, זייער אופגעבראכט.
19. „מא ראַש“ — וואָס איז דאָ דער טומל, דער גוואלד.
20. „צו ריידנ מיטנ סוימעכ דאלימ“ — געמיינט — מיט גאָט, וועלכער דאַרפ דאָס, הייסט עס, זײַנ דער „שטיצער“ פונ די אָרעמעלײַט.
21. „אשרײ יוישווײ בײסעכאָ“ — דאָ געמיינט: וויל צו די, וואָס זיצנ אינ דערביים.

22. „לעכ־מאכער“ — קאלענדאר־מאכער.

23. „מײַסע־סאטנ“ — דא געמײנט: צום אומגליק.

24. „מעקאבל בעאהאווע“ — אנעמענ פאר ליב, פאר גוט.

25. „יִעש“ — אנטוישונג.

26. „רויצייעכ האיאאר“ — וואלד־גאזלענ.

27. „א ראשע־מערושע“ — זײער א שלעכטער, א שלעכטער פונ דִי שלעכטע.

28. „א צוירער הייהודים“ — א סוינע פונ יִדנ. כאִים מעשארעס מײנט אבער דערמיט צו זאגנ א סוינע פונ ארבעטער. דער צוירער הייהודים איז בא אים דאכ דער באלעבאס גרינפעלד (א יִיד).

29. „יִמאכ שמוי וועזיכרוי“ — אויסגעמעקט זאל װערנ זײַנ נאמענ.

30. „מארעכ יאמים זײַנ“ — לאנג לעבנ זאל ער.

31. „ראיוינעס“ — געדאנקענ, טראכטונגענ.

32. „מילעציוישער“ — א פארטיידיקער, אנ אדוואקאט.

33. „א צווייענדיקער קאדריל“ — קאדריל—א טאנצ. דא ווערט געמײנט צוויי מאל צוויי פאר קינדער.

34. „באם מעלעכ עליוינ“ — בא גאט (דעם הימלישנ קיניג).

35. „אײנגאמעכאד“ — גיטא קײנ אײנ רעכטער, לײַטישער מענטש צווישנ זיי.

36. „קאוועיאכל“ — א סינאנימ פונעם יִדישנ גאט.

37. „ווענוימאר אמײנ“ — אינ דעם פאל באטײַט עס: מאסקים זײַנ, פאטאקעווענ.

38. „א דאמסוינע“ — א בלוטיקער סוינע.

39. „מויכל בימכילע גמורע“ — אינגאנצנ מויכל זײַנ.

40. „אסער לעראכעמ“ — ניט ווערט, אז מע זאל ראכמאנעס האבנ.

41. „א שימע טויבע“ — פארקריפלט פונ „א כסימע טויווע“, געמײנט: א גוט יאר—א ווינטשעניש צו יאנקיפער.

42. „יאאמויד ר׳ בארעכ“ — בארעכ האט דאס ווארט (געצל כויזעקט דא אי־בער דעם פרומענ ארבעטער בארעכ. ער נוצט אויס א רעליגיעזנ אויסדרוק, וואס מע באנוצט אינ בעסמעדרעש).

43. „האט אײכ א כסימ...“ — ניט דערענדיקטע פראזע: האט אײַכ א כסימע טויווע, זע דערקלערונג 41.

44. „דערעכ“ — א וועג.

45. „אמײנ, גאמאטעמ“ — אויכ אײַכ.

46. „בארוכ אדוינוי יוימ, יוימ“ — געלויבט איז גאט טאג־טעגלעכ.

47. „יוימ־האדינ“ — טאג פונ מישפעט, טאג פונ אורטײלנ.

48. „באסקאל“ — א קאל פונ הימל.

49. „אסיפע פונ די פנײ האִיר“ — א פארזאמלונג פונ די כאשעווסטע אונ אנגעזעענסטע שטאט־לײַט. אזעלכע זײַנען, לויט דער מײנונג פונעם „גרויסנ מענטשנ־פרײַנט“, די רײַכע לײַט פונ שטאט.

50. „פוראניעסנ“ — געמײנט שלעק, אנשיקעניַשנ.

51. „אי וואלק סיט, אי קאזא צעלא“ — אי דער וואלף איז זאט, אי די ציג איז גאנצ.

52. „וואָסער אניוועס" — וואָסער באשיירנקייט.

53. „שטשי דא קאשו" — באָרשטש און קאשע.

54. „מאספעד זייב אים" — באקלאָגנ, באוויינענ אים.

55. „רוידעפנ אד כאָרמאָ" — פארפאָלגנ ביז אינ דער ערד אריינ.

56. „זייב סארסער" — געמיינט עקאָנאָם, אדמיניסטראטאר פונעם גרויסנ „מענטשנ-פרייַנט".

57. „אוווכיינ" — דעריבער, אלזאָ.

58. „מארצעפאנעס" — אויסטערלישע מייַכאָלים.

59. „נאָכ אזעלכע רעזאָנענ — נאָכ אזעלכע כייכלדיקע פארשטאנדיקע באַ-ווייַזנ.

60. „האכצאאקאָסאָ" — גוואלד-געשריי.

61. „דער יוישעוו ראָש" — פאָרזיצער.

62. „בעסער אלס מאנ" — „מאנ" — דאָס איז אזא לעגענדארישער „פראָדוקט" וואָס פלעגט לויט דער לעגענדע פאלנ פונ הימל און מע פלעגט פונעם דאָזיקנ „פראָ-דוקט" קענענ מאכנ קאלערליי מייַכאָלים. בעדאָוועס, — מיינט דער „מענטשנפרייַנט", — זייַנענ אויכ „מאנ".

63. „אזעס מעכוצעפ פאָנעם — א גרויסער באלהאָזעניק.

64. „מאכט לאנגזאמע האכאָנעס" — געמיינט, יאָשקע קלייַבט זיכ לאנג, פאר-מעלעכ (בוכשטעבלעכ: מאכט פאמעלעכע צוגרייטונגענ).

קאָפּ. 80 коп.

переплет אײַנבינד
קאָפּ. 30 коп.

ШКОЛЬНАЯ БИБЛИОТЕКА

Серия дооктябрьской литературы

Д. ПИНСКИЙ

РАССКАЗЫ

Изд-во «Эмес», Москва, Старопанский пер., 1.